# פרשת ראה כ"ד - ל' אב תשפ"ב לפ"ק

*יום ראשון פרשת ראה*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יוסף** נ"ו בן הרה"ג רבי **יעקב אלימלך פאנעט** שליט"א.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **הערשל שטייף** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. אחר כך השתתף בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**עס** שטייט אין די פרשה די וואך, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. את הברכה אשר תשמעו, ואת הקללה אם לא תשמעו (דברים יא-כו). די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער ראה 'אנכי', 'איך' געב די ברכות און קללות, דער אייבערשטער גיט די ברכות און די קללות. משה רבינו האט נאר איבערגעגעבן די ווערטער פונעם אייבערשטען. פארוואס האט ער זיך דא אויסגעדריקט ראה 'אנכי' נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

**מען** האט גערעדט נעכטן ביי שלש סעודות, אז ענוה איז זייער א חשובע מדה. אשכון את דכא (ישעיה נז-טו), דער אייבערשטער רוהט דארט וואו עס איז דא ענוה. און תועבת ה' כל גבה לב (משלי טז-ה), דארט וואו עס איז דא גיאות, איז נישט דא קיין השראת השכינה. אין אני והוא יכולין לדור בעולם, זאגט דער אייבערשטער (סוטה ה.), איך קען נישט וואוינען מיט א בעל גאוה צוזאמען אויף די וועלט. גיאות דאס איז א ריחוק צווישן א יוד און דעם אייבערשטען.

**אבער** עס איז דא אמאל, וואס א יוד דארף יא האבן די מדה פון גיאות, ויגבה לבו בדרכי ה' (דברי הימים ב יז-ו). ווען א מענטש האט נישט ביי זיך א דערהויבענקייט, איך בין א יוד, און יעדע זאך וואס איך טוה איז חשוב. מיין נשמה איז צוגעבינדען אויבן אין הימל, און וואס מען טוט, מאכט מען א רושם אויבן אין הימל. און דער באשעפער האט הנאה פון יעדע מצוה וואס איך טוה, און ח"ו פארקערט ביי א עבירה. אויב ער האט נישט אין זיך די שטאלצקייט צוצוגיין צו יודישקייט, איז אלעס ביי אים נאכגעלאזט. עס איז דאך נישט קיין חילוק צו איך האב יא געטון, צו איך האב נישט געטון, איך בין דאך ממילא גארנישט. וואס איז א נפקא מינה צו איך האב געטון א מצוה, צו איך האב נישט געטון. פון איין זייט דארף זיין די מדה פון ענוה, אבער פון די אנדערע זייט דארף זיין די מדה פון ויגבה לבו בדרכי ה'.

**עס** איז דא א ווארט פון **רבי מיכל'ע זלאטשובער זי"ע**, אנכי עומד בין ה' וביניכם (דברים ה-ה), האט ער געזאגט, גיאות דאס איז 'אנכי', איך בין, איך בין עס. דער 'אנכי', דאס איז 'עומד', דאס שטייט, 'בין ה' וביניכם'. די קירוב און די ריחוק וואס איז דא צווישן א יוד און דעם אייבערשטען, ווענדט זיך אין דעם אנכי. טאמער מען האלט זיך גרויס, איז דאך אין אני והוא יכולין לדור, קען מען דאך נישט וואוינען צוזאמען מיטן אייבערשטען. דאס איז א הפסק, עומד, עס שטייט, דאס טוט אפהאקן, בין ה' וביניכם.

**אמאל** איז דא פארקערט, וואס דער אנכי דערהייבט אים, אז דורך דעם וואס ער ווייסט זיין גרויסע מעלה וואס ער טוט אויף אין הימל, אז ער איז א סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, שטרענגט ער זיך אן. יא, יעדע מצוה וואס איך טוה, טוה איך א נחת רוח פארן אייבערשטען. עס איז ביי אים א חשיבות יעדע זאך וואס ער טוט. און ער היט זיך אפ, ער זאל נישט קאליע מאכן מיט א עבירה. קומט אויס אז דער אנכי, די מדה פון גיאות, אמאל איז עס א ברכה, און אמאל איז עס א קללה, אויב מען נוצט עס אויס צו שטייגען אין תורה און יראת שמים, ויגבה לבו בדרכי ה', איז דער אנכי א ברכה. אבער טאמער מען נוצט אויס דעם אנכי, ורם לבבך ושכחת את ה' אלקיך, דעמאלטס איז עס א קללה.

**משה** רבינו האט געזאגט, 'ראה', זיי דיך מתבונן, אז דער 'אנכי', דאס איז 'נותן לפניכם היום ברכה וקללה', די מדה פון אנכי, אמאל איז עס א ברכה, און אמאל איז עס א קללה. 'את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה'', אויב דאס ברענגט ענק אז עטץ זאלטס דינען דעם אייבערשטען, דעמאלטס איז דער אנכי א ברכה. 'והקללה אם לא תשמעו אל

מצות ה', אויב מען נוצט נישט אויס דעם אנכי פאר אשר תשמעו, נאר עס איז לא תשמעו, דעמאלטס איז דער אנכי א קללה.

**דער** סימן אויף די חשיבות פון א יוד איז, די מצוה פון מילה. על בריתך שחתמת בבשרנו, יעדעס קינד, נישט קיין נפקא מינה פון וואס פאר א שטוב ער קומט, און וואס זיין מצב וועט זיין שפעטער, איז דער אייבערשטער חותם מיט אים א ברית ווילאנג ער איז נאך קליין. ביי די אכט טאג טוט דער אייבערשטער אים אריינגעמען, דער באשעפער טוט כורת זיין מיט אים א ברית. איז דאך דער טייטש, אז עס ווייזט אויף די חשיבות וואס א יודיש קינד האט, ער האט אין זיך א נשמה, א חלק אלו-ה ממעל, אז פון גאנץ קליין אן, פון ווען ער ווערט געבוירן, איז דער אייבערשטער כורת מיט אים א ברית.

**דאס** ווארט 'אנכי' באטרעפט איין און אכציג, און מיט די פיר אותיות, איז עס פינף און אכציג, פונקט ווי די מספר פון מיל"ה. קומט אויס, אז די מדה פון אנכי, אז מען זאל נוצן די מדה אויף ויגבה לבו בדרכי ה', קען מען עס אראפלערנען פון די מצוה פון מילה. וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, וואס דער אייבערשטער איז כורת א ברית מיט יעדן יוד, אין וואס פאר א מצב ער וועט אויסוואקסן שפעטער, וואס דאס איז דאך תלוי אין די בחירה פונעם מענטש, אבער ער האט א כריתת ברית מיטן אייבערשטען. און דאס דארף אים געבן דעם כח, אז ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. - כשם שנכנס לברית, דו ביסט אריינגעגאנגען לברית, דער אייבערשטער האט דיך אויסגעקליבן ווילאנג דו ביסט נאך קליין, ווייל דו האסט אין דיר א געוואלדיגע נשמה וואס ליגט אינעווייניג. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, דעם שטאלצקייט דארף א יוד מיטנעמען מיט זיך שטענדיג צו דינען דעם אייבערשטען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **יעקב אלימלך פאנעט** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת יענטא.

*

***יום שלישי פרשת ראה***

*בתפלת שחרית לא אמרו תחנון, לרגל היארצייט של* **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**. *אחר התפלה הסיב* **רבינו שליט"א** *למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.*

***וזה תוכן השיחה:***

**דער** סאטמארער רב האט חתונה געהאט בזוו"ר אין סיגוט. זיין פאטער איז שוין נישט געווען געזונט, ער איז שוין געלעגן אין בעט, און ער האט נישט געקענט ארויסקומען צו די חתונה. דעם סאטמארער רב'ס חופה איז געווען אין שטוב, ביים בעט פונעם **קדושת יום טוב**. בדרך כלל איז די חתונה ביי די כלה'ס צד, אבער מען האט געברענגט די חתונה אויף סיגוט. בזוו"ש איז די חתונה זיינע, געווען אין טשעבין, דער **טשעבינער רב** האט מסדר קידושין געווען.

**דער סאטמארער רב** האט זיך געהאלטן פאר א בעלזער חסיד, פון **רבי ישכר דוב זי"ע**. דער בעלזער רב איז געווען דער איינציגסטער רבי צו וועם ער איז אמאל געפארן. זיין פאטער, דער **קדושת יום טוב**, איז דאך אוועק תיכף נאך ווען ער האט חתונה געהאט. און זיין עלטערער ברודער דער **עצי חיים** האט איבערגענומען אין סיגוט, און ער איז דעמאלטס אוועקגעפארן וואוינען אויף סאטמאר. פון סאטמאר האט מען אים אויפגענומען אויף אורשיוואו, און פון אורשיוואו אויף קראלי, און שפעטער איז ער צוריקגעקומען קיין סאטמאר, ווען מען האט אים אויפגענומען אלץ רב אין סאטמאר.

**מען** זאגט נאך, אז עס איז געווען אמאל א יוד ביים טיש, און ער האט זיך אנגערופן צום סאטמאר'ער רב, אז דא ביים טיש זיצען יעצט צוואנציג בעלזער חסידים. האט ער געפרעגט, מיך האסטו אויך אריינגערעכנט...

*

**איך** האב געהערט פון מיין פעטער דער **קאטמונ'ער רב**, אז דער סאטמאר'ער רב האט אים פארציילט, אז ער איז געווען אמאל א שבת אין בעלזא, און דער בעלזער רב האט געהייסן אז מען זאל אים מכבד זיין צו דאווענען שחרית, און ער האט נישט געוואלט צוגיין צום עמוד. און דער בעלזער רב האט פארשטאנען, אז אין סיגוט הייבט מען אן, נישט ביי

שוכן עד, נאר ביי עד הנה עזרונו רחמיך, פון דארט אן האט מען געזאגט הויך. ממילא האט ער נישט געוואלט משנה זיין פון וואס מען פירט זיך דא, און פון וואס ער פירט זיך. האט דער בעלזער רב געזאגט, אז ער קען אנהייבן עד הנה. איז ער צוגעגאנגען צום עמוד, און ער האט אנגעהויבן עד הנה. האט ער פארציילט, אז בשעת ער האט אנגעהויבן עד הנה, איז צוגעקומען צו אים א בעלזער חסיד, און ער האט אים געגעבן א ציפ. האט ער געזאגט, איך שפיר עס נאך עד הנה... דאס איז די הלצה פון די מעשה. האט מיין פעטער פארציילט, אז דער סאטמארער רב האט אים נאכדעם געזאגט, איך בין געווען יונג, איך וואלט עס נישט געדארפט טון... מען מיינט אמאל, אז מען טאר נישט משנה זיין. ביי יענעם אין שטוב דארפסטו טון אזוי ווי מען פירט זיך דארט.

*

**ער** איז געווען א געוואלדיגער בעל טוב עין, ער האט פארגינען פאר א צווייטען, ער האט פראבירט ארויסצוהעלפן. דאס חסד וואס ער האט געטון, איז געווען אויסערגעווענליך. יעדע שבת איז געווען אין בית המדרש א אפיעל פאר א אנדערע מוסד. עס איז נישט געווען דעמאלטס אזוי סאך געלט, וואס האט זיך געוואלגערט. אנדערע טוען איינהאלטן זייער עולם, אז דאס געלט וואס איז דא, זאל אנקומען אלעס אויפן פלאץ אליין. אבער אין סאטמאר איז יעדע שבת געווען א אפיעל. ווען עס איז געווען די דינערס פון סאטמאר אליין, האט מען אים געבעטן, אז דעם שבת זאל מען צורוה לאזן דעם עולם, אז מען זאל קענען געבן צום דינער. ניין, מען האט געמאכט אפיעל'ס, אפילו ווען ער האט געהאט א דינער תיכף.

**ער** האט געזוכט צו בויען יעדן איינעם, און נישט צו שטיין אין וועג. אויסער די מדת החסד, איז די טוב עין וואס איז געווען. ווען **מיין טאטע ז"ל** האט זיך געצויגן אויף בעדפארד עוועניו, איז עס געווען נעבן זיין בית המדרש. ער האט געדארפט אוועקמופן פון וואו ער איז געווען, און ער האט אזוי געטראכט, צו ער זאל מאכן א בית המדרש נעבן דעם סאטמארער רב. איז ער אריינגעגאנגען זאגן, אז מען טראגט אים אן צו קויפן א הויז דא, און ער טראכט צו מאכן א בית המדרש. האט דער סאטמארער רב געזאגט, אדרבה, ווען עס וועט מיר אויספעלן א צענטער, וועל איך בארגען פון אייך, און אז עס וועט אייך אויספעלן א צענטער, וועט איר בארגען פון מיר. מיר וועלן זיך העלפן איינער דעם צווייטען.... עס קומט נישט אן גרינג, מען דארף אסאך הארעווען דערויף. עס איז גוט ווען מען ווייסט וואו מען וויל אנקומען. אפילו מען האלט נישט דערביי, וויסן צו וואס מען דארף צו שטרעבן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

**אחר** שזימרו כמה ניגוני הודאה, אמר **רבינו שליט"א:** מען זאל קענען דאנקען דעם אייבערשטען שטענדיג. אזוי וואונטשט מען אן, מי שגמלך כל טוב, הוא יגמלך כל טוב סלה. עס שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **בייטב לב** פרשת חיי שרה), ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה (ישעיה יב-ג), יעדע ישועה וואס דער אייבערשטער טוט פאר א יוד, איז נישט נאר לפי שעה, נאר עס איז אזוי ווי א מעיין, א קוואל. ווען מען דארף האבן שפעטער נאכאמאל אזא ישועה, העלפט דער אייבערשטער. דער קוואל האט זיך שוין געעפענט. ביי א יעדע ישועה וואס א מענטש בענטשט גומל, זאגט מען, אז דאס איז נישט נאר איינמאל גומל געבענטשט פאר יעצט, נאר מען האט געעפענט יעצט א פתח פאר אסאך ישועות. מי שגמלך כל טוב, הוא יגמלך כל טוב סלה. עס איז א המשך אויף ווייטער אויך, דער אייבערשטער זאל טון חסדים שטענדיג.

*

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **מענדל** (ב"ר יעקב) **ווערצבערגער** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חותנו **הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצ"ל אבדק"ק וואדקערט בעמח"ס פרי משה.**

***וזה תוכן השיחה:***

**מיין** שווער איז אוועק יונגערהייט. ער איז געווען ביי די באן סטאנציע אין דעברעצין, און ער איז צוזאמגעפאלן פלוצלינג. ביי די קריג האט ער פארלוירן זיין ערשטע ווייב מיט די קינדער. נאך די

קריג האט ער נאכאמאל חתונה געהאט, און דריי יאר שפעטער איז ער אוועק. די רעבעצין (הרבנית תליט"א) איז געבוירן נאך בחייו, און דער ברודער, מיין שוואגער (הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), איז געבוירן ווען ער האט שוין נישט געלעבט. ער הייסט שוין נאך אים. מיין שווער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, בזיווג ראשון איז ער געווען א איידעם ביי זיין פעטער, **רבי ישראל פאללאק** פון זענטא, ער האט געהייסען א בעל בתי'שער יוד, און ער האט אים אויסגעהאלטן ער זאל קענען זיצן און לערנען. צוואנציג יאר האט ער געלערנט. ווען זיין פאטער (הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצ"ל אב"ד וואדקערט) איז אוועק אין יאר תש"א, האט מען אים אויפגענומען פאר רב. מיין שווער איז אוועק תש"ט.

**מען זאל הערן בשורות טובות**

*

בשעות אחר הצהרים ביקר **רבינו שליט"א** במחנינו עדת יראים בפארקסוויל. ילדי המחנה קיבלו את פני **רבינו שליט"א** בשירה ובזמרה, ונכנסו לבית המדרש למסיבת קבלת פנים. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א קידם בדברים את פני **רבינו שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לתלמידי המחנה. עם סיום הדברות קודש עברו מאות ילדי ובחורי המחנה לפני **רבינו שליט"א** לברכת שלום.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים, די חשובע קינדער, ועל כולם די טייערע משפיעים, מלמדים, מנהלים, מדריכים, וואס יעדער איינער גיט צו אין די עבודת הקודש, צו ענקער חינוך. ב"ה מען האלט ביים סוף פונעם זומער, מען האלט שוין באלד ביים ענדיגן דעם זומער, ווען מען גייט אהיים מיט אסאך תורה, תפלה, יראת שמים, און מידות טובות, וואס מען האט זיך צוזאמגעקליבן אין די טעג וואס מען איז געווען דא.

**איך** וועל מקדים זיין א ווארט אין די פרשה, פונעם הייליגן **חתם סופר** (בפרשתנו נ:). ראה אנכי נתן לפניכם היום ברכה וקללה. את הברכה אשר תשמעו וגו', והקללה אם לא תשמעו (דברים יא-כו). זאגט דער הייליגער חתם סופר, אז די גמרא (קידושין מ:) זאגט, אז יעדער מענטש ווערט נידון אחר רובו, א מענטש איז מען דן לויט רוב פון זיינע מעשים. אפילו א מענטש איז נישט קיין צדיק גמור, קוקט מען וואס די רוב פון זיינע מעשים זענען. אויב די רוב פון זיינע מעשים זענען גוט, איז דער אייבערשטער אים דן אזוי ווי א צדיק. די וועלט ווערט אויך נידון אחר רובו, אז רוב פון די וועלט איז גוט, זאגט דער אייבערשטער רעכן איך ווי די גאנצע וועלט איז גוט. פארקערט, ווען א מענטש איז רוב נישט גוט, אפילו ער האט גוטע זאכן אין זיך, פון דעסטוועגן דאך טוט דער אייבערשטער אים דן זיין לויט רובו פון דעם מענטש. און די זעלבע איז די וועלט.

**זאגט** די גמרא, אז וועגן דעם דארף יעדער מענטש אכט געבן אויף יעדע זאך וואס ער טוט, אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן. ווייל אמאל קען זיין, אז דער מענטש איז האלב אויף האלב, און די מעשה וואס ער גייט יעצט טון, גייט אים מכריע זיין, אדער איז ער א צדיק אדער איז ער א רשע. מיט איין זאך וואס א מענטש טוט, קען ער מכריע זיין אויףביידע זייטן. און נישט נאר עס איז אים מכריע, נאר עס איז מכריע די גאנצע וועלט. ווייל אויב די וועלט וואלט יעצט געווען האלב אויף האלב, און ער טוט יעצט א דבר מצוה, האט ער מכריע געווען די גאנצע וועלט לטובה. און די זעלבע איז פארקערט. דאס ברענגט ארויס די געוואלדיגע חשיבות וואס א יוד דארף האבן ביי יעדע זאך וואס ער טוט, זיך מתבונן זיין, אז מיין גאנצער עתיד איז תלוי אין די שריט וואס איך גיי יעצט טון. עס קען זיין יעצט ווען איך גיי טון א דבר טוב, ווער איך גערעכנט ביים אייבערשטען פאר א צדיק, און איך האב מכריע געווען די גאנצע וועלט לכף טובה. פארקערט, איך גיי יעצט טון א זאך וואס מען דארף נישט טון, האב איך זיך מכריע געווען, און אפשר קאליע געמאכט די גאנצע וועלט. ווען א מענטש ווייסט עס, טוט ער אנדערש באטראכטן יעדע זאך וואס ער טוט. ווייל אמאל טראכט מען, אז די זאך וואס מען האט געטון איז נאר נוגע פאר די מינוט, פאר די זאך וואס מען האט יעצט געטון. ניין, עס איז נישט נוגע פאר דעם וואס דו האסט יעצט געטון, עס איז נוגע פאר דיין גאנץ לעבן, און עס איז נוגע פאר דעם לעבן פון די וועלט.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, 'ראה', א מענטש דארף זיך מתבונן זיין, 'אנכי', איך, 'נותן לפניכם היום ברכה וקללה', איך קען געבן היינט א ברכה מיט א

קללה. וואס איך גיי טון, וועט זיך ווענדן די ברכות און די קללות. 'את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה', אז איך גיי יעצט לערנען, איך גיי טון די מצות פונעם אייבערשטען, וועט זיין א ברכה, און ח"ו 'והקללה אם לא תשמעו אל מצות ה'. א מענטש דארף מחשיב זיין יעדע דבר טוב וואס ער טוט, איך האב נאך א שעה געלערנט, איך האב נאך עפעס צובאקומען אין עבודת ה', וויסן אז עס איז נוגע נישט נאר אויף די שעה וואס ער האט געלערנט, נאר עס קען איבערמאכן דעם גאנצן מהות פונעם מענטש, און דער מהות פון די וועלט, ווי אזוי דער אייבערשטער זאל עס פירן.

*

**די** גריסן וואס מען באקומט פונעם קעמפ במשך פון דעם זומער, איז ב"ה איבערגעוועלדיג. דער גוטער נאמען, ווי מען לערנט פלייסיג, בפרט די גרעסערע בחורים, כתה ט', וואס זיצן און לערנען, הארעווען יומם ולילה אויף תורה, אז עס איז צו באוואונדערן. און וויסן דעם חיזוק וואס מען דארף האבן דערפון, אז דאס גיט כוחות אויף שפעטער, אז מען זאל קענען נאך מער שטייגן, און נאך מער נתעלה ווערן.

**מען** האלט ביים אהיימפארן. מען געפונט ביי מתן תורה (דברים ה-כח), נאכדעם וואס מען האט מקבל געווען די תורה, יעדער איז געשטאנען ביים בארג סיני, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, לך אמור להם, גיי זאג פאר יודען, שובו לכם לאהליכם, גייטס יעדער צוריק צו זיינע געצעלטן. מען איז געווען ביים בארג סיני, מען האט מקבל געווען די תורה, מען האט געענדיגט מתן תורה, זאגט דער אייבערשטער, זאגט פאר משה רבינו, אז זיי זאלן אהיימגיין. די גמרא שטעלט זיך, מען דארף זאגן אז מען זאל אהיימגיין? אז מען האט געענדיגט מתן תורה, גייט מען אהיים. וואס האט מען געדארפט זאגן שובו לכם לאהליכם? די גמרא זאגט, מען האט געדארפט מתיר זיין, וואס די תורה האט גע'אסר'ט פאר דעם.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יודען, מען איז געשטאנען ביים בארג סיני, מען האט מקבל געווען די תורה באימה וביראה, יעדער איז געווען אזוי ווי א מלאך, אזוי זאגט דער מדרש (שהש"ר א-ב), אז בשעת מען האט מקבל געווען די תורה, איז געווען נעקר יצר הרע מלבם. עס איז זייער שיין ווען מען שטייט ביי מתן תורה, און דער אייבערשטער איז דארט אויפן בארג, און מען זעהט דעם אש הגדולה, מיט אלעס וואס האט זיך ארומגעטון ביי מתן תורה, איז יעדער מיט א גוטן רצון צו דינען דעם אייבערשטען. ווען מען גייט אבער אהיים, איז מעגליך עס זאל זיך אפקילען די ווארימקייט וואס מען האט געהאט ביי מתן תורה. עס וועט נישט זיין די זעלבע ווען מען איז אין שטוב. מארגן וועט נישט זיין אזוי ווי עס איז געווען נעכטן.

**לך** אמור להם, זאג פאר יודען, שובו לכם לאהליכם, פירטס איבער אלעס וואס עטץ האטס געזעהן דא ביים בארג סיני, פירטס עס אריבער אין ענקערע געצעלטן. די ערנסטקייט וואס מען האט געהאט, די ערליכקייט וואס מען האט געהאט ביי מתן תורה, לאזט עס נישט איבער דא ביים בארג סיני ווען מען גייט אהיים, אז עס הייבט זיך יעצט אן אן אנדערע וועלט. אלעס וואס מען האט זיך קונה געווען ביי מתן תורה, זאל מען מיטנעמען צו ענקערע געצעלטן.

**יעדער** וואס איז געווען דא אין קעמפ, האט זייער אסאך קונה געווען במשך פון די פאר וואכן, ווייל די וואכן איז מען געווען אויסגעשאלטערט פון די שטוב, פון די גאס, פון שלעכטע חברים. מען איז געזעסן אן קיין טירדות, מען האט געלערנט און געדינט דעם אייבערשטען, און געהערט אזויפיל הדרכה. מען האט נישט א גאנץ יאר אזעלכע שיינע שבתים, ווי מען האט געהאט דא אינעם קעמפ, וואס מען האט געקענט קונה זיין אין קעמפ, און יעדער האט קונה געווען. אמאל א סיפור וואס מען פארציילט, מאכט א רושם אויף א קינד, אז עס דרייט אים איבער אינגאנצען פון וואס ער איז געווען פריער.

**עס** איז נישט גענוג אז מען האט עס קונה געווען דא, און מען גייט יעצט אהיים. שובו לכם לאהליכם, מען דארף עס מיטנעמען מיט זיך אהיים. אלעס וואס מען האט קונה געווען דא, דארף מען מיטנעמען מיט זיך. דא איז מען געזעסן און געלערנט פלייסיג, עס קומט בין הזמנים, דארף מען פונקט אזוי זיצן אין בית המדרש און לערנען. מען האט געדאווענט שיין אלע צייטן צוזאמען, מיט א ערליכקייט און א ווארימקייט, דאס דארף מען

מיטנעמען מיט זיך, אזוי דארף מען דאווענען א גאנץ יאר שפעטער. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען איז אין מסגרת פון ישיבה, צו מען איז נישט אין מסגרת פון ישיבה.

**די** הייליגע שבתים וואס מען האט געהאט דא, אזוי דארף אויסקוקן א שבת אינדערהיים אויך. רעדן דברי תורה ביים טיש, זינגען זמירות, אויפהייבן דעם אטמאספער פונעם שטוב, עס זאל זיין א הייליגע לופט אין די שטוב ווען עס קומט דער שבת. לך אמור להם, זאג זיי, שובו לכם לאהליכם, טראגטס אריבער אלעס וואס עטץ האטס געהאט דא, צו ענקערע שטובער, אז ענקערע שטובער זאלן אויסקוקן אין משך פונעם יאר, אזוי ווי מען האט עס קונה געווען דא.

**עס** איז פאר ראש חודש אלול, נאכדעם קומט ראש השנה. אלול הייבט מען אן צו בלאזן שופר. וואס שופר ווייזט דאך, ווי דער רמב"ם (הל' תשובה ג-ד) זאגט, עורו ישנים משינתכם, מען דארף זיך אויפוועקן. די גאנץ יאר איז געוועזן ווי אזוי עס איז געווען. אלול, ראש השנה, שטייט א מענטש, און ער דארף הערן וואס דער קול שופר מאנט פון אים, אז מען זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטען.

**כמדומה** אז עס שטייט אין הייליגע ספרים א רמז דערויף, ראה אנכי נותן לפניכם היום, את הברכה אשר תשמעו, 'ראה' איז די ר"ת א'לול ר'אש ה'שנה. 'ראה', זיי דיך מתבונן אינעם אלול און ראש השנה וואס עס קומט אויף ענק, 'את הברכה', די ברכה איז, 'אשר תשמעו', מען זאל צוהערן דעם קול שופר וואס מען הערט אין די טעג. דער קול שופר וואס וועקט אויף, דאס פאדערט פונעם מענטש, אז מען זאל זיך אומקוקן אויף די מעשים, מען זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטען, אויף דעם איז געגעבן געווארן דער אלול מיטן ראש השנה. און ח"ו אם לא תשמעו, דעמאלטס איז דאס פארקערטע.

**ווען** מען גייט אהיים איז דאך שוין אין חודש אלול, מען האט שוין אנגעהויבן צו בלאזן שופר, מען זאל מיטנעמען מיט זיך דעם קול שופר וואס וועקט אונז אויף, צוריק צו קערן זיך צום אייבערשטען. ממשיך זיין די שיינע וועגן וואס מען האט זיך געפירט ביז יעצט, מוסיף והולך זיין אין די עבודת ה'.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל וואקסן תלמידי חכמים און ערליכע יודען. די עלטערן, און ענקערע מדריכים זאלן זעהן פון ענק אסאך נחת דקדושה. און מיר אלע זאלן האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה ביחד עם תלמידי כתה ט'. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להתלמידים.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל זאגן א פאר ווערטער לכבוד די חשוב'ע בחורים. מען האלט ביים סוף פונעם זומער. מען גייט אהיים. מען ענדיגט דאס יאר, מען ענדיגט דעם זומער. און מען ענדיגט די יארן פון די תלמוד תורה, און מען גייט אריין אין ישיבה קטנה. אין א געוויסן זין מיינט עס, מען ענדיגט די קינדערישע יארן, און מען קומט אריין אין ישיבה לערנען.

**מען** דארף וויסן, אז די שענסטע יארן פונעם לעבן, זענען די יארן וואס מען איז אין ישיבה קטנה, און שפעטער איז מען ממשיך אין ישיבה גדולה, דאס איז די שענסטע יארן וואס א בחור האט כל ימי חייו. זיין גאנצער עתיד שפעטער, ווענדט זיך ווי אזוי ער האט אויסגענוצט די פאר יאר וואס ער איז געווען אין ישיבה. ווען מען גייט אריין מיט א ערנסטקייט, מען גייט אריין מיט א תשוקה, איך וויל שטייגן, איך וויל אויסוואקסן, איך גיי נישט אנברענגען קיין צייט. און איך וועל נישט זיין צופרידן מיט די לימודים וואס מען לערנט אין ישיבה אליין, איך וועל זעהן וואס איך קען זיך משלים זיין מער, וואקסט מען אויס א תלמיד חכם. און אז מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, איז דער גאנצער לעבן פונעם מענטש אן אנדערער סארט לעבן. זיין גאנצער מהות איז אנדערש. און דאס פארקערטע, פארשטייט מען אז עס איז אנדערש.

**דאס** איז די צייט וואס מען איז זיך קונה מידות טובות. די ישיבה איז נישט נאר געמאכט געווארן צו לערנען תורה, די ישיבה איז געמאכט געווארן אויף אויפבויען דעם מענטש, סיי אין תורה, און סיי אין

עבודה, ווי אזוי תפלה דארף צו זיין, ווי אזוי מען דארף דאווענען. ווי אזוי מען דארף זיך נוהג זיין בין אדם לחבירו, איינער מיטן צווייטן. און וואויל איז דעם ווער עס האט שכל אויסצונוצען די יונגע יארן, די צייט וואס מען גייט אריין אין ישיבה, זיך משלים זיין אין תורה און עבודה.

**די** תורה הק' זאגט די וואך, ראה אנכי נתן לפניכם היום ברכה וקללה. את הברכה אשר תשמעו, והקללה אם לא תשמעו (דברים יא-כו). פשוט פשט איז דער טייטש, את הברכה אשר תשמעו, די ברכה איז, אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם. אז מען וואקסט אויס אן ערליכער איד, האט מען א ברכה זיין גאנץ לעבן. והקללה, די קללה איז, אם לא תשמעו אל מצות ה'. מען דארף נישט געבן קיין קללה פאר איינעם וואס גייט אוועק פון דרכי התורה, דער לא תשמעו אל מצות ה', דאס אליין איז א קללה. אז דו האסט אדורכגעלאזט דיינע בחור'ישע יארן, דו האסט עס נישט אויסגענוצט ווי מען האט געדארפט, דארף מען דיר נישט געבן קיין קללה, דו ביסט שוין א מקולל, דאס איז אויסגעוואקסן פון דיר.

**עס** שטייט אין **חנוכת התורה** (פ' יתרו), מען ווייסט דאך אז שכר מצוה איז נישט דא אויף די וועלט (קידושין לט:), דער אייבערשטער באצאלט נישט קיין שכר אויף די וועלט. אונז גלייב מיר אין שכר ועונש, יעדע דבר טוב וואס א יוד האט געטון, ווערט פארשריבן אויבן א שכר, וואס אונז קען מיר אפילו נישט אויס משל'ן ווי אזוי עס קוקט אויס, ווייל יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי העולם הזה! מען זאל צוזאמנעמען גאנץ חיי עולם הזה, אלע תענוגים פון די וועלט, און צושטעלן צו איין שעה פון עולם הבא, זאגט די משנה (אבות ד-יז) אז דער קורת רוח, דער פארגענוגען פון די שעה אין עולם הבא, איז אסאך מער ווי גאנץ חיי עולם הזה. וויפיל וואלט א מענטש גרייט געווען אוועקצוגעבן, זיך פלאגן ער זאל באקומען א 'חלק' פון חיי עולם הזה, איך רעד נישט פון 'כל' חיי עולם הזה. ער זאל האבן געלט, ער זאל האבן עשירות, ער זאל האבן א פאר גאסן מיט הייזער וכדומה, ער וואלט געטון אלעס אין די וועלט ער זאל קענען צוקומען דערצו. אונז רעד מיר יעצט פון צוקומען צו אסאך מער, אפילו נאר פאר איין שעה וואס א יוד איז געזעסן און געלערנט תורה און געדינט דעם אייבערשטען, דער שכר וואס ווארט אים אפ, איז אן אנדערע סארט שכר אינגאנצען!

**אויף** די וועלט איז נישט דא קיין שכר, אלעס ווערט אוועקגעלייגט אויף לעתיד. נאר איין זאך איז דא וואס עס איז דא שכר אויף די וועלט, דאס איז אויף אמונה. אויף אמונה גיט דער אייבערשטער שכר אויף די וועלט אויך. פארוואס? ווייל לעולם איז דאך דא א מצוה פון ביומו תתן שכרו (דברים כד-טו), אז מען דארף באצאלן שכר אין דעם טאג וואס מען האט געטון די ארבעט. פארוואס באצאלט דער אייבערשטער שכר שפעטער? ווייל די הלכה איז (שו"ע חו"מ שלט-ז), אז דאס וואס מען איז מחוייב צו געבן שכר אין דעם טאג, איז נאר ווען דער בעל הבית האט געדינגען אן ארבייטער. אויב זיין שליח האט געדינגען אן ארבייטער, איז נישט דא קיין חיוב פון ביומו תתן שכרו. ווייל דער בעל הבית האט נישט געדינגען, דער סעקרעטערי האט געדינגען, און דער סעקרעטערי דארף נישט באצאלן, נאר דער בעל הבית. אונז האב מיר מקבל געווען די תורה פון משה רבינו, און אז מען האט מקבל געווען די תורה פון א שליח, איז נישט דא קיין שכר אויף די וועלט. אבער אנכי ה' אלקיך האבן מיר דאך מקבל געווען פונעם אייבערשטען אליין, איז אויף אנכי ה' אלקיך, דארף דער אייבערשטער באצאלן שכר אויף די וועלט.

**זאגט** דער חנוכת התורה, 'ראה אנכי', דו ווערסט זיך מתבונן זיין אויף די מצוה פון 'אנכי' ה' אלקיך, איז נותן לפניכם 'היום' ברכה וקללה, עס איז נישט אוועקגעלייגט די ברכה און די קללה אויף לעתיד, נאר אויף דעם באקומט מען אויף די וועלט.

**מען** קען זאגן בדרך רמז, אז עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א נקודה. שכר מצוה איז נישט דא אויף די וועלט. וואס א מענטש איז מחוייב צו טון, אויף דעם באצאלט מען נישט קיין שכר. אבער עס שטייט אין **מהרש"א**, אז ווען א מענטש טוט מער פון וויפיל ער איז מחוייב צו טון, ער טוט לפנים משורת הדין. עס איז דא וויפיל מען איז מחוייב צו טון, און עס איז דא א מענטש וואס טוט לפנים משורת הדין. וואס א מענטש גיט צו פון זיך אליין צייט פאר תורה און עבודת ה', וואס ער וואלט נישט מחוייב געווען צו טון, אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער שכר מצוה אויף די וועלט אויך.

**מען** זאל עס קענען פארשטיין, אזוי איז אין יעדע ישיבה, אז וואס מען לערנט און מען איז מחוייב צו קענען, אויף דעם באקומט מען נישט קיין שכר, ער איז דאך מחוייב, ער דארף דאך דאס קענען. ווען מען גיט אבער צו א פרישן לימוד וואס מען איז נישט מחוייב, און ער לערנט עס, ער קען א פרישע מסכתא, אויף דעם איז דא א גורל וכדומה. עס איז דא די שעות וואס מען איז מחוייב צו לערנען, און עס איז דא די שעות וואס מען וואלט געקענט זיך אפרוען. אז מען קומט אין בית המדרש און מען לערנט אויך אין די שעות, אויף דעם איז דא אן עקסטערע שכר. ביים אייבערשטען איז אויך די זעלבע. וואס מען איז מחוייב, אויף דעם באצאלט נישט דער אייבערשטער קיין שכר. וואס מען טוט מער פון וויפיל מען איז מחוייב, אויף דעם באצאלט מען שכר אויף די וועלט אויך.

**'ראה'**, דו זאלסט זיך מתבונן זיין, 'אנכי', אויף דעם וואס איך טו אליין, וואס איך בין נישט מחוייב צו טון, איז 'נותן לפניכם 'היום' ברכה וקללה', אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער שכר מצוה אויף די וועלט.

**מען** קומט לערנען אין ישיבה, זיך צוצושטעלן צו די 'זמני הלימוד', די 'סדרים פונעם לימוד', איז דאך א דבר פשוט, אויף דעם איז ער דאך געקומען אין ישיבה לערנען. עס איז אפילו נישט דא קיין שכר אויף דעם. מען דארף קענען די בחינות סוף פון די וואך, עס איז נישט קיין נפקא מינה, יעדער דארף אנקומען דערצו. אבער עס איז דא אסאך 'אנכי'ס וואס א מענטש קען צוגעבן מער, וואס ער איז נישט מחוייב, און ער לערנט צו מער וויפיל מען דארף. סיי אין די שעות, סיי אין כמות, און סיי אין איכות, אויף דעם 'אנכי', אויף דעם איז נותן לפניכם 'היום' ברכה וקללה, באקומט מען ברכה אויף די וועלט.

**ווי** מען האט פריער גערעדט, די ברכה איז נישט נאר וואס מען באקומט שכר פונעם אייבערשטען. דער עצם דבר אליין, אז א מענטש קען זיך אויסארבעטן און וויסן אז עס איז נישט דא עפעס אנדערש, נאר שטייגן אין תורה. ער דארף נישט זוכן קיין פרנסה, ער האט נישט קיין שום טירדות צו שאפן פרנסה, טירדות פון וואו צו עסן און צו שלאפן, אלעס שטעלט מען צו פאר א בחור אזוי ווי פאר א מלך. און ער האט צייט אוועקצוגעבן זיין גאנצן טאג אויף תורה און עבודת ה'. און אז מען איז זוכה דאס אויסצונוצן, מען גיט זיך אוועק פאר תורה, איז מען גליקליך דעם גאנצן לעבן. עס איז טאקע אמאל כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, מען דארף זיך פלאגן, אבער אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא.

**מען** גייט אוועק פון די יארן פון די תלמוד תורה, מען הייבט אן אריינצוגיין אין ישיבה. מען זאל מקבל זיין אויף זיך עול תורה. איך וויל באמת אויסוואקסן א תלמיד חכם. און איך בין גרייט אלעס אוועקצוגעבן, אלע ענינֵי עולם הזה לייגן אין דער זייט. מען דארף נאר אויף א פאר יאר, אם אתה עושה כן, איז מען זוכה שפעטער אז תורה מחזרת על אכסניא שלה, די תורה באצאלט, סוף הכבוד לבוא, דער סוף וועט מען האבן וואס מען דארף. דער עיקר איז, אוועקצוגעבן די יארן צו וואקסן. דאס איז זיכער די שאיפה פון יעדן בחור צוצוקומען דערצו.

**וויל** איך נאר אנוואונטשן, דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען מקבל זיין עול תורה, פלייסיג לערנען, דינען דעם אייבערשטען. מען האלט דאך שוין נאנט צו די הייליגע טעג, מען זאל קענען דאווענען ערליך אין די הייליגע טעג. דאס גאנצע יאר איז דאך תלוי ווי אזוי דער ראש השנה קוקט אויס, ווי אזוי די עשרת ימי תשובה זענען, אלעס איז מען דאך דן אינעם ראש השנה, דעמאלטס קען זיך א מענטש אויסבעטן אלעס וואס ער דארף צו האבן. זאל מען קענען דאווענען מעומקא דליבא, און בעטן פונעם אייבערשטען וואס אונז דארף מיר. דער באשעפער זאל מקבל זיין אונזערע תפילות, אונז זאל מיר זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר.

*

***יום חמישי פרשת ראה***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל הר"ר **יצחק זאב וויינשטאק** ומשפחתו שיחי', שישבו שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

בדרך חזרה לקעמפ, עצר **רבינו שליט"א** בעיר קרית יואל להתפלל אצל הציון של **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**.

***<u>שבת קודש פרשת ראה</u>***

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם** זי"ע (מתוך הספר מאיר עיני הגולה ח"ב). בברכת המזון נתכבד **הרב אברהם דוד הורוויץ שליט"א**.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**מט.** סיפר איש נאמן שהיה רגיל להיות מרואי פניו של רבינו **החידושי הרי"ם זצ"ל**, שפעם אחת בנוסעו בדרך לרגל מסחרו, והיה איתו סך ג' אלפים רובל כסף, ובבואו למחוז חפצו ראה כי צרור הכסף איננו. והצטער מאוד כי לא היה לו שום רכוש יותר, והיה בזה גם מעות שלוה מאחרים. ונסע תיכף לווארשא לרבינו זצ"ל, ובא אליו בקול בכיה גדולה כי אין לו שום ענין ליסע לביתו חזרה, כי נושיו ירדפוהו, וגם אין לו במה לסחור להלאה. ורבינו זצ"ל נאנח מאוד והשתתף בצערו. ואחר עבור איזה זמן אמר לו רבינו, אין לי שום אופן במה לעזור לך מצרתך, אך זאת העצה היעוצה שתסע **להרה"ק מראדזמין** כי על ידו יכול להיות לך ישועה. והזהירו כי אף אם ידחה אותו כמה פעמים, לא ישגיח כלל על זה, ולא ילך ממנו עד שיאמר לו עצה להחלץ מצרתו. ואם יכעוס עליו לא יתיירא כלל, רק יאמר לו שהוא שלחו אליו, וכן עשה ונסע לראדזמין.

כאשר נתן הפיתקא להרה"ק זצ"ל ושמע בקשתו ממנו, הקפיד עליו מאוד, ונתן עליו בקולו, מה אעשה לך, איך אחזיר לך המעות, וכי הייתי שם באותו מקום, גם אבות אבותי לא היו שמה, וציוהו לילך ממנו. והוא השיב לו, כי לא יסע מכאן עד שיהיה לו המעות, וכשראה שהרה"ק מתחיל להתרגיז עליו עוד יותר, אמר מה אעשה, וכן נצטויתי לעשות. וסיפר לו שהיה בווארשא אצל רבינו זצ"ל, וצוהו ליסע לכאן ולא ירפה את הרה"ק, עד שיהיה לו המעות. וצוהו שאף אם יקפיד עליו, לא יתיירא, רק ימתין בראדזמין עד שימלא בקשתו. אז צוהו הרה"ק שימתין בראדזמין איזה זמן. ואחר עבור איזה ימים שלח לקרוא אותו, ומסר בידו איזה סגולות, וצוהו ליסע לאיזה מקום, ושם ימצא האיש עם המעות, אבל בתנאי שלא יגלה לשום אדם מן הסגולות שמסר בידו.

האיש נפטר ממנו בשלום, ונסע באותו הדרך אשר צוהו, ועבר דרך עיר ווארשא, והלך אל רבינו זצ"ל וסיפר שצוהו ליסע לאותו מקום וישיג המעות, והנהו חושב ליסע מכאן להמקום ההוא. רבינו זצ"ל לא ענהו שום דבר על זה, והאיש ההוא נעשה כמבולבל, כי הכיר בפני רבינו, שלא היה שבע רצון מאשר סיפר לו, וכאילו אינו מסכים לנסיעתו לאותו מקום. אז הגיד לו האמת, כי הרה"ק מסר לו גם סגולות, אך הזהירו מאוד שלא יגלה זה לשום אדם, והנהו חושש שאם יגלה, לא יועיל לו הדבר. אז נראה שביעת רצון על פני רבינו זצ"ל, ואמר לו, הנני יודע בבירור כי עלי לא כיון באזהרתו זאת, לכן לא תעלים ממני שום דבר, וכן עשה. אז הגיד לו רבינו זצ"ל תסע תיכף לשם, כי בטח לא ישונה הדבר, ותשיג מעותך חזרה, וכן היה.

**והעיר רבינו:** פון א יעדע מעשה דארף מען זיך עפעס אפלערנען. - מען קען גיין צו א צדיק, און דער צדיק שיקט צו א צווייטען צדיק. מען ווערט נישט קלענער, מען ווערט נישט גרעסער. ער האט אים אריבערגעשיקט קיין ראדזימין, אז דארט וועט ער האבן א ישועה. - און דער ראדזימינער האט אים געזאגט געוויסע סגולות, און דער חידושי הרי"ם האט געוואלט וויסן וואס די סגולה איז. ער האט געוואלט לערנען פונעם ראדזימינער רבי, וואס מען דארף טון אין אזא פאל. - און כאטש ער האט אים אנגעזאגט אז ער זאל נישט אויסזאגען, האט ער אים געזאגט, אז אדעתא דהכי פון א אדם גדול האט ער נישט געמיינט, און ער האט אים אויסגעזאגט.

**דער קראסנער רב זצ"ל**, שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר **כוונת הלב**. אז זיין פאטער, דער פריערדיגער קראסנער רב, איז געווען א חסיד פונעם מיטל'ן **בעלזער רב**. און דער קראסנער רב האט אמאל געהאלטן א דרשה, ער האט געזאגט מוסר, און ער האט שטארק מעורר געווען אין די דרשה. און דארט איז פערצופאל אריינגעקומען א יוד פון דער פרעמד, ער איז געווען דארט אויף שבת, און ער איז שטארק נתעורר געווארן פון די דרשה וואס ער האט געהערט. מוצאי שבת קומט ער אריין צום קראסנער רב, און ער זאגט, דער רבי האט געזאגט מוסר אזוי און אזוי, איך בין דער בעל עבירה. די אלע זאכען וואס דער רבי האט אויסגערעכנט האב איך געטון, און איך בין גרייט תשובה צו טון, און איך בעהט א תיקון אויף וואס עס איז געווען.

**האט** אים דער קראסנער רב געזאגט, איך קען דיר נישט געבן א תיקון. פאר אריבער צום בעלזער רב,

צו רבי יהושע'לע, און ער וועט דיר געבן א תיקון. דער יוד איז געווען א עושר, זאגט ער פארן קראסנער רב, אז איך וועל אריבערפארן אויף בעלזא, וועט זיך קיינער נישט אומקוקען אויף מיר. איך באצאל די שפעזן פארן רבי, אז דער רבי זאל זיין מיין שליח, און אריבערפארן צום בעלזער רב, און פארציילן אלעס וואס איך האב פארציילט פארן רבי, און דער בעלזער רב זאל זאגן וואס איך האב צו טון.

**דער** קראסנער רב האט עס אנגענומען, ער האט געקענט באשטיין צו פארן צו זיין רבי. ווען ער איז אנגעקומען צו רבי יהושע'לע, האט ער אפגעשריבן א קוויטל מיט דעם נאמען פון דעם יוד, און ער האט עס איבערגעגעבן פארן הייליגען בעלזער רב. דער בעלזער רב נעמט דאס קוויטל אין דער האנט, און נאך בעפאר ער האט אים פארציילט וואס ער וויל, גיט ער עס אים צוריק, און ער זאגט אים, איך האב נישט קיין כח צו דעם. ער האט נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט צוריקגענומען דאס קוויטל, און ער איז געבליבן דארט אויף שבת.

**נאך** שבת גייט ער אריין צום בעלזער רב נאכאמאל מיט דעם קוויטל, און ער זאגט אים, דער רבי זאל מיר מוחל זיין. דער איז א בעל הבית. ער קומט צו מיר, ווייל ער איז נתעורר געווארן דורך מיר. וואס זאל איך אים יעצט זאגן? איך בין געפארן אויף בעלזא, ער האט מיר געצאלט די שפעזן, און דער רבי האט גארנישט געקענט העלפן. איך קען נישט אוועקגיין פון דא, ביז דער רבי גיט מיר נישט עפעס א תיקון פאר דעם יוד, עפעס וואס איך זאל קענען צוריקזאגן פאר אים.

**האט** דער בעלזער רב אזוי געטראכט, און ער האט גערופן דעם גבאי, און ער האט אים אהינגעגעבן דאס קוויטל, און ער זאגט אים, 'דו זאלסט מיר עס געבן צו די באשטימטע צייט'. און ער האט געזעגנט דעם קראסנער רב. ווען דער קראסנער רב איז ארויסגעגאנגען פונעם בעלזא רב'ס שטוב, איז ער געווען זייער נייגעריג וואס איז די באשטימטע צייט, וואס דער בעלזער רב האט געזאגט. האט ער געפרעגט דעם גבאי, דער גבאי זאל אים זאגן וואס דער בעלזער רב האט געמיינט 'ביי די באשטימטע צייט'. האט אים דער גבאי צוריק געענטפערט, איר ווילט אפשר ווערן א רבי, אז איר דארפט וויסן וואס מען טוט... דאס באלאנגט פאר א רבי, דאס באלאנגט נישט פאר אייך. - דער חידושי הרי"ם האט געוואלט וויסן וואס די סגולות זענען, און ער האט זיך נישט דערשראקן, און ער האט אים געבעטן, אז ער זאל אים זאגן וואס די סגולה איז.

*

**מט.** אחר פטירת **מרן אדמו"ר מקאצק זצ"ל** הסכימו רוב חסידי קאצק לקבל עליהם מרותו של **רבינו זצ"ל** ולהסתופף בצל קדשו, ורבינו מיאן לקבל עליו את ההנהגה, וחסידי קאצק לא השגיחו על מיאונו של רבינו ולא הרפו ממנו, יום ולילה שקדו על דלתותיו מאות אנשים אשר באו לשמוע לקח מפיו. ופעם אחת נתן רבינו קולו קול עוז בזה הלשון: למה זה פגעתם בי (וואס האט עטץ ענק אנגעטשעפעט אין מיר), הלא יש אנשים גדולים בתורה יותר ממני. ואחר אשר שתק מעט אמר שוב בנחת בזה הלשון: הלא כשהצאן נכנסים לדיר להתעשר כולם שוים, ומכל מקום רק העשירי הוא קודש לה'. כשבני ישראל אומרים קודש, הרי הוא קודש.

**והוסיף רבינו:** מען פארציילט נאך, אז ווען דער **בעל התניא זי"ע** איז נסתלק געווארן, איז געווען איינע פון די גרויסע חסידים וואס האט געהייסען **רבי הלל מפאריטש**, ער האט געמאכט א ספר **פלח הרמון**. - דער תניא פלעגט צו זאגן, אז ער האט אנדערט האלבן חסידים. איינער איז דער און דער, און דער האלבער חסיד איז דער רבי הלל פון פאריטש, ווייל האלב איז ער א רבי אליין, איז ער נאר א האלבער חסיד. נישט ווייל א האלבער חסיד איז א קלענערע טיטל, עס איז גאר א גרעסערע טיטל, אז ער איז א האלבער חסיד, ווייל האלב איז ער א רבי אליין.

און א גרויס טייל חסידים האבן נאכן תניא, געוואלט אויפנעמען דעם רבי הלל פון פאריטש, אז ער זאל זיין דער מנהיג ווייטער. און רבי הלל איז געווען גרייט עס אנצונעמען. רבי הלל האט געוואוינט אין פאריטש, צו ערגעץ אנדערש, און ער איז געקומען צו פארן דארט וואו די חסידים זענען געווען, כדי אנצונעמען די רבי'סטווע. אויפן וועג האט זיך רבי הלל אפגעשטעלט, און ער האט געזאגט, אז ער דרייט זיך אויס צוריק, ער פארט נישט ווייטער, ווייל דער תניא האט זיך מגלה געווען צו אים, און ער האט אים געזאגט, אז ער וויל אז זיין זון זאל

איבערנעמען, און ער זאל נישט פארן ווייטער. האט ער עס אנגענומען, און ער האט זיך צוריקגעדרייט.

האט רבי הלל פון פאריטש נאכדעם געזאגט, אויף דעם וואס איך האב עס נישט אנגענומען, האב איך נישט קיין חרטה. אבער די מדריגות וואס איך האב באקומען בשעת איך האב מיך אויפגעזעצט צו פארן, און עס איז צוגענומען געווארן פון מיר בשעת איך האב זיך צוריקגעדרייט, אויף דעם בין איך חס, אז איך האב עס פארלוירן. בשעת מען האט אים אויפגענומען האט ער געשפירט א געוויסע התעלות, וואס ער האט באקומען דורך דעם וואס יודען האבן אים אויפגענומען צו זיין א מנהיג. און אזוי ווי צום סוף האט ער עס נישט אנגענומען, האט ער געשפירט אז מען האט אים צוגענומען די מדריגות. און אויף די מדריגות וואס מען האט אים צוגענומען, אויף דעם האט אים ווי געטון. – דאס איז דער זעלבער ענין וואס ער זאגט דא, אז ווען מען נעמט מעשר, זענען אלע שעפ די זעלבע, אבער אויף דעם וואס מען רופט אויס קודש, איז חל א קדושה.

*

די וועלט זאגט אביסל אנדערש, אז עס איז נישט נאר ביי מעשר בהמה, נאר יעדע תרומה און מעשר איז אויך די זעלבע. ביי יעדע תרומה זענען אלע ווייצלעך די זעלבע, און מען נעמט א סאה ווייץ, און מען זאגט אויף די ווייץ, אז דאס האט מען אויסגעקליבן, הרי זה תרומה. און פון יעצט אן איז דא א קדושה דערויף, אז ווען מען עסט עס בטומאה, אדער א זר עסט די תרומה, איז מען חייב מיתה. זעהט מען, אז אפילו עס איז די זעלבע ווייץ ווי די איבריגע, אבער פון ווען מען האט עס גערופן קודש, האט עס א קדושה. - די זעלבע איז אויך א צדיק, בשעת מען האט אים אויסגעקליבן כדי ער זאל פירן יודען, האט ער באקומען א געוויסע התעלות.

די וועלט זאגט, אז איינער האט אויף דעם געזאגט, אז עס ווענדט זיך ווער עס מאכט די תרומה, ווייל תרומת חרש שוטה וקטן איז נישט קיין תרומה (תרומות א-א). וואס מיינט עס צו זאגן? עס ווענדט זיך פארוואס מען מאכט די תרומה. אמאל מאכט מען א רבי נאר וועגן דעם כדי די ביזנעס זאל קענען ווייטער אנגיין, עס זאל זיין פרנסה וכדומה, דאס איז א תרומת חרש שוטה וקטן, באקומט מען נאכנישט קיין מדריגות. אבער אז מען קלויבט איינעם אויס, ווייל מען וויל טאקע פון אים מקבל זיין תורה, און ער זאל קענען זיין דער רבי פאר לימוד התורה פאר אנדערע, דאס איז תרומה. און דעמאלט באקומט מען מדריגות, אז מען זאל קענען זיין אזוי.

*

**סב.** סיפר החסיד רבי הירש ליב ע"ה מווארשא, ששמע בעצמו מפה קדשו **רבינו זצ"ל**, בעת פטירתו של **מרן אדמו"ר מקאצק זצ"ל** בזה הלשון: בכל דור יותר מאוחר, נותנים מן השמים מנהיג יותר גדול, כי כפי מה שהדור גרוע יותר, נצרך לאיש גדול יותר שיוכל להגביהו. כמו חולה שהנהו יותר מסוכן, נחוץ לו רופא היותר מומחה עכל"ק.

**והעיר רבינו:** איך פארשטיי נישט פונקטליך דאס ווארט, וואס דער פשט דערפון איז. אין יעדן דור איז דער מנהיג שפעטער גרעסער ווי די פריערדיגע? איך האב נאכנישט געזעהן קיין איין דור אז עס זאל זיין אזוי, אז די שפעטערדיגע מנהיגים זאלן זיין גרעסער ווי די פריערדיגע. - מן הסתם איז דער פשט אנדערש, די פשט דערפון איז, אז דער קומענדיגער מנהיג דארף נישט זיין אזוי גרויס ווי די פריערדיגער, ווייל אז מען האנדלט מיט קראנקע, דארף מען נישט געבן די זעלבע וואס מען גיט פאר די געזונטע. קראנקע דארף מען געבן טיילענא"ל, מען דארף געבן מעדעצין, מיט וואס מען העלפט צו אויפצוהייבן דעם קראנקן. אמאל זענען געווען געזונטע מענטשען האט מען זיי געדארפט געבן געגנוג כוחות, ממשיך צו זיין אז זיי זאלן קענען נאך העכער ווערן. פון א קראנקען מאכען געזונט, איז נישט אזא גרויסע עבודה. און דאס זענען די היינטיגע מנהיגים, מען דארף זיי נישט האבן כדי צו מאכן בעלי מדריגות, נאר פשוט אז מען זאל נישט פאלן, נאר מען זאל זיך האלטן ערליך, דאס איז די עבודה פונעם מנהיג.

# פרשת שופטים א׳ - ז׳ אלול תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל מסיבה לתלמידי הישיבה גדולה, לרגל סיום זמן הקיץ. במשך המסיבה נשמעו דברים מאת המנהל הרב **פישל לעווי** שליט״א, ומאת הרב **יואל משה אונגאר** שליט״א (ר״מ בישיבה), הבחור **אברהם חיים גאלדענבערג** נ״ו סיים מסכת קידושין שלמדו במשך הזמן. אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אטייל צו נעמען ביי די היינטיגע סיום. מען ענדיגט מסכת קידושין, מען ענדיגט דעם זומער, מען ענדיגט דעם זמן. עס איז א סיום פון אלע צדדים, און עקסטער פון די צוויי חדשים וואס עס קומט מיר אויס צו זיין מער מיט די בחורים אינאיינעם. עס קוועלט אסאך מאל דאס הארץ מיט שמחה, ווען מען זעהט די הכרת פניהם פון די בחורים, די ערליכקייט, ווי אזוי מען שטעלט זיך צו. מען האלט ביי חזרה, מען גייט ארויס פון בית המדרש, און מען קוקט די צעטלעך, יעדע וואך קומט צו נאך א פרק וואס מען האט זיך פארהערט. מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, אז מען איז צוגעקומען צו דעם.

**מען** האט פריער דערמאנט, אז סמא״ל איז די ראשי תיבות ס׳יום מ׳סכתא א׳ין ל׳עשות. מען רעדט פון כלליות מאכן א סיום מסכתא. איך מיין אז מסכת קידושין איז דא אן עקסטערע סיבה פארוואס סיום מסכתא אין לעשות, ער וויל נישט מען זאל מאכן א סיום אויף די מסכתא. ווייל די מסכתא ענדיגט זיך, מיט מניח אני כל אומנות שבעולם, ואיני מלמד את בני אלא תורה, און די שורה וויל ער נישט אז מען זאל לערנען. דו קענסט לערנען די גאנצע מסכתא, אבער ווען עס קומט צו דעם סיום, מאך נישט דעם סיום פון די מסכתא, ווייל אז דו וועסט אביסל אריינטראכטן אין וואס דו לערנסט, וועט דיר אלע הבלי עולם הזה נישט ווערד זיין, און דו וועסט זיך מקדיש זיין פאר תורה! כל אומנות שבעולם, סיי וואס פאר א גליקן עס ווארט אויף א מענטש שפעטער ווען ער גייט ארויס פון בית המדרש, סיי וואס פאר א גרויסע אומנות וואס פארדינט די מערסטע געלט, וואס פארדינט די מערסטע כבוד, מניח אני כל אומנות שבעולם, ואיני מלמד את בני אלא תורה. ער ברענגט ארויס דאס חשיבות פון תורה, אז עס איז נישט דא א זאך וואס וועגט עס איבער. און דעם סיום מסכתא אין לעשות. דו זאלסט נישט בלייבן מיט דעם וואס דו האסט געלערנט ביי דעם סיום מסכתא, הייב אן צו טראכטן אפשר איז א אומנות אויך גוט, אפשר איז א אומנות אמאל חשוב׳ער, אדער על כל פנים עס איז אזוי ווי תורה. דאס אז דו זאלסט וויסן אז עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס איז דומה צו תורה, דאס וויל נישט דער ס״מ אז מען זאל מאכן דעם סיום. און ב״ה אז מען מאכט יא דעם סיום. מען פארשטייט די חשיבות פון תורה, איז עס א געוואלדיגע חשיבות אז מען האלט ביי דעם סיום פון די מסכתא.

*

**די** פרשה די וואך איז די פרשה פון מלך. די תורה זאגט, ווען מען וועט אריינקומען אויף ארץ ישראל, און מען וועט זאגן אז מען וויל האבן א מלך, זאגט די תורה, שום תשים עליך מלך, און ער גיט פאר דעם מלך אסאך הלכות וואס ער זאל נישט טון. נאכדעם גיט ער א מצוה, והיה כשבתו על כסא ממלכתו, וכתב לו את משנה התורה הזאת, ער זאל אראפשרייבן משנה התורה, שני ספרי תורות, אחת שמונחת בבית גנזיו, איינס האט ער אוועקגעלייגט, און איינס שנכנסת ויוצאת עמו. עס איז געווען צוגעבינדן אויף זיין האנט א קליינע ספר תורה, און וואו ער איז געגאנגען, איז ער מיטגעגאנגען מיט דעם ספר תורה. והיתה עמו, די ספר תורה זאל זיין שטענדיג מיט אים, וקרא בו כל ימי חייו, און ער זאל אין דעם לערנען זיין גאנץ לעבן, למען ילמד ליראה את ה׳ אלקיו (דברים יז-טו).

**דער** מלך האט געהאט א עקסטערע מצוה פאר זיך, אז ער האט זיך אייביג געדארפט ארומדרייען מיט די תורה. ער האט נישט געקענט זיין קיין איין רגע אן די תורה. די תורה איז געווען צוגעבינדן צו זיין האנט, ער קען נישט זיין אן די תורה. און די תורה רופט עס אן, אז עס איז געווען ׳משנה׳ התורה הזאת. חז״ל דרש׳נן אז ער האט געדארפט שרייבן צוויי ספרי תורות. א זאך וואס איז געדאפעלט ווערט אנגערופן משנה, לחם משנה, און דא איז געווען משנה תורה.

**דער** מלך האט געהאט געוואלדיגע נסיונות ווען ער איז געווארן א מלך. ער איז דער גרעסטער וואס איז דא אין כלל ישראל, ער איז דער מלך! דאס אליין ברענגט דאך א התנשאות. לבלתי רום לבבו מאחיו, ער זאל זיך נישט האלטן שטאלץ מער פון א צווייטן. ער האט אלע מעגליכקייטן צו טון וואס ער וויל, און קיינער קען אים נישט שטערן. מלך פורץ גדר! ער קען טון וואס ער וויל, נאכגיין כסף וזהב, ער קען פארשאפן וויפיל כסף וזהב ער וויל, און אזוי ווייטער. אלע תענוגים קען ער זיך נאכגעבן, דאס מלכות קען אים אראפברענגען פונעם ריכטיגן וועג.

**האט** די תורה געהייסן, אז ער מוז האבן עקסטער פאר זיך די תורה. תורה דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט א מענטש אין די ראמען. ער זאל זיך קענען פירן נארמאל, ער זאל זיך קענען פירן ערליך, איז נאר די כח פון תורה. ווייל תורה האט אין זיך א כח, אז עס טוט אויסארבעטן דעם מענטש וואס לערנט תורה. תורה איז נמשלה לאש (תענית ז.), גאלד האט אין זיך פסולת, און אז מען וויל ארויסנעמען די פסולת, לייגט מען עס אריין אין א כור האש, דער פייער ברענט אויס יעדע שלעכטס וואס איז דא אינעווייניג, עס נעמט ארויס דעם פסולת, און עס בלייבט זהב נקי. הלא כה דברי כאש (ירמיה כג-כט), תורה איז אויך אזוי ווי אש! אז מען לערנט תורה, טוט די תורה ארויסנעמען די שלעכטס וואס איז דא אינעווייניג אינעם מענטש. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). די תורה דאס טוט אויסאיידלען דעם וואס לערנט תורה.

**און** ווער האט עס געדארפט האבן אזוי ווי דער מלך. דער מלך וואס האט אזויפיל נסיונות אין אלע ענינים, לא ירבה לו סוסים, וכסף וזהב לא ירבה לו, לבלתי רום לבבו מאחיו, און אלע אנדערע זאכן וואס די תורה זאגט ער זאל נישט מרבה זיין, ווייל ער האט דאך די מעגליכקייט צו טון וואס ער וויל. האט די תורה געזאגט, ער זאל זיין דבוק אין די תורה, און אז דו וועסט זיין דבוק אין די תורה, וועסטו זיך קענען פירן ווי א ערליכער מלך. ווייל די אלע שלעכטס וואס דער מענטש האט, ווערט אויסגעאיידעלט מיט תורה.

**די** תורה ווערט אנגערופן 'משנה' התורה הזאת. ווייל 'משנה' איז אויך א לשון שינוי, עס טוט משנה זיין דעם מענטש. וכתב לו את משנה התורה הזאת, ער זאל שרייבן פאר זיך די תורה, וואס די תורה איז א משנה, די תורה טוט טוישן דעם מענטש פון וואס ער איז געווען, און ער ווערט אנדערש. כדי עס זאל קענען זיין לבלתי רום לבבו מאחיו, און עס זאל קענען זיין וואס די תורה זאגט ולא ירבה לו, און אזוי ווייטער. אויב ער וועט האבן די משנה התורה הזאת, והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו, למען ילמד ליראה את ה' אלקיו, וועט ער צוקומען צו יראת ה'.

**דאס** איז די שמחה פון א סיום פון א יאר וואס מען איז געזעסן און געלערנט. דער חשוב'ער מנהל האט פריער ארויסגעברענגט, אז ער דערקענט א שינוי אויף יעדן תלמיד וואס האט געלערנט אין די ישיבה, ווי דער בחור איז געטוישט געווארן פון ווען ער איז אריינגעקומען, ביז ער גייט ארויס. עס הייבט זיך אן צו דערקענען ביי די ערשטע יאר וואס מען איז אין ישיבה, און עס דערקענט זיך נאך שענער ווען מען איז אין די צווייטע יאר, און די דריטע יאר, און אזוי ווייטער, ווי מער תורה מען האט קונה געווען אין זיך. ווען מען האט נאר איין מסכתא, מאכט עס נאך נישט די זעלבע ווירקונג. ווען ער קען שוין צוויי, און ער קען שוין דריי, און אזויפיל צייט וואס מען האט אוועקגעגעבן פאר תורה, האט די תורה אויסגעאיידלט דעם מענטש, אז ער איז געווארן אן אנדערער סארט יוד פון וואס ער איז געווען פון פריער. דאס איז דער וכתב לו את משנה התורה הזאת, די תורה איז משנה. און דאס האט משנה געווען דעם מלך, אז דער מלך זאל זיך קענען פירן ערליך.

**וקרא** בו כל ימי חייו, ער האט געהאט ביי זיך אויף די הענט צוגעבינדן א ספר תורה, אזוי שטייט אין די גמרא (סנהדרין כא:). עס איז דא אמאל וואס א מענטש לערנט תורה, און די תורה איז נאר אינעם קאפ. עס איז א שיינע חכמה, ער פארשטייט שיין די תוספות, ער קען פיין דעם לומדות מיט אלעם ארום און ארום, אבער ווען עס קומט צו די הענט, ווען ער דארף מקיים זיין בפועל וואס מען האט געלערנט, דארט הונקעט עס אסאך מאל אונטער, און ער טוט נישט אלעס אזוי ווי ער האט געלערנט. דער מלך האט געדארפט האבן א ספר תורה צוגעבינדן צו זיין הענט! עס איז נישט גענוג וואס דו לערנסט תורה, עס איז נישט גענוג וואס דו האסט די תורה אין קאפ, נאר ווען עס קומט בפועל, דו קומסט צו טון עפעס, דארט זאלסטו זיך נישט רירן אן די תורה.

**דער חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו צד.) ברענגט צו, וקרא בו כל ימי חייו, אז פון די תורה קען מען אויסליינען יעדן טאג פונעם לעבן. ווען א מענטש וויל וויסן ווי אזוי ער דארף זיך פירן, די תורה דאס איז זיין G.P.S., דאס ווייזט אים דער וועג ווי ער דארף צו פארן. ווען מען לערנט תורה, און מען לערנט תורה ערליך, טוט די תורה ווייזן דעם ריכטיגן וועג, אז וקרא בו, ער האט אויסגעליינט אין די תורה, כל ימי חייו. א מלך האט דאך געהאט פארשידענע זאכן וואס ער האט געדארפט מאכן באשלוסן, וואס עס איז נוגע פריוואט, און וואס עס איז נוגע פאר די מדינה, און וואס עס איז נוגע פארן גאנצן כלל ישראל, אלעס קען מען ארויסנעמען פון תורה.

**דאס** איז די חשיבות אז מען ענדיגט א יאר. נאך א יאר פון תורה! מען האט געענדיגט נאך א מסכתא, און מען טוט איבער'חזר'ן די מסכתא, עס זאל ליגן אינעם קאפ, און עס זאל בלייבן אויף שטענדיג, אז מען זאל עס נישט פארגעסן. עס איז דאך גירסא דינקותא, מען ווייסט אפילו נישט צו שעצן ווילאנג מען איז יונג, וואס דאס מיינט די תורה וואס מען לערנט יונגערהייט. שפעטער אויף דער עלטער קען מען אויך לערנען תורה, אבער מען לערנט און מען פארגעסט. וואס מען האט געלערנט אין די יוגנט, דאס געדענקט מען. נישט נאר מען געדענקט וואס מען האט געלערנט, מען געדענקט די גאנצע צורת הדף וואס מען האט געלערנט אין די יוגענט, פונקטליך אויפן שורה ווי אזוי עס איז אויסגעשטעלט די גמרא מיט די תוספות, דאס איז איינגעבאקן אינעם מענטש. אזוי זאגט די משנה (אבות ד-כ) אז דאס איז אזוי ווי א נייע פאפיר, וואס ווען מען שרייבט דערויף, דערקענט זיך עס גוט. נאכדעם איז דא א נייר מחוק, עס איז שוין געשריבן דערויף, מען מעקט, עס איז שוין אן אנדערע סארט כתיבה וואס איז דא שפעטער.

*

**מען** דארף מעורר זיין, מען פארט אריין אין שטאט, מען האט שוין גערעדט דערפון, די שטאט איז א מקום פון נסיונות, און מען דארף זיך מאכן קבלות בעפאר מען גייט אהיים, ווילאנג מען איז נאך דא, ווי אזוי גייט אויסקוקן די פאר טעג וואס עס וועט נישט זיין קיין ישיבה. מען הייבט אן דעם נייעם זמן, וואס וועט זיין שפעטער ווען עס קומט חודש תשרי, עס איז דא א בין הזמנים, ווי אזוי מען זאל זיך מסדר זיין, וואס מען קען אלץ קונה זיין. עס איז דא צוויי חדשים ביז חודש חשון, וואס אין די צייט קען מען משלים זיין וואס מען האט פארפעלט. אפילו מען האט אמאל פארפעלט א פרק וכדומה, עס איז נישט פארלוירן, עס איז צייט אז מען קען עס נאך משלים זיין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך זיך משלים זיין אין תורה, די תורה זאל אויסארבעטן דעם מענטש. מען זאגט נאך פון א גדול, אז איינער האט זיך אויפגעטון, אז ער האט געלערנט אזויפיל און אזויפיל. האט ער אים געזאגט, דאס זעה איך אז דו האסט געלערנט תורה, אבער וואס האט די תורה דיך אויסגעלערנט... די עיקר פון די עבודה איז, אז די תורה זאל אויסלערנען דעם מענטש צו גיין אויפן ריכטיגן וועג.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען לערנען תורה, און עס מקיים זיין. עס איז נישט גענוג ללמוד וללמד, נאר לשמור ולעשות, די תורה זאל זיין אין די הענט, מקיים זיין בפועל אלעס וואס מען האט געלערנט. דער באשעפער זאל געבן אי"ה, מען זאל קענען אנהייבן דעם קומענדיגן זמן, מיט א פרישן חיות, און א פרישן חשקות, שטייגן נאך מער אין תורה. זיך מפקיר זיין, אוועקגעבן אלעס, די פאר יארן וואס ער האט אין ישיבה, דארף מען זעהן אויסצונוצן די מערסטע וואס מען קען, וואס מען קען אראפווארפען פון זיך, אלע אנדערע זאכן וואס האט נישט קיין שייכות צו תורה. וועט מען זיין גליקליך אז מען האט דאס אוועקגעגעבן, אין די צייט וואס מען קען אזויפיל קונה זיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר. איך האב באמת הכרת הטוב פארן ראש ישיבה, דער חשוב'ער מנהל, אלע מגידי שיעורים, און אלע וואס העלפן צו פאר די מגידי שיעורים, די כוחות וואס זיי לייגן אריין אין די בחורים, עס איז ניכר די פירות וואס זיי טוען אויפשטעלן. עס איז זיכער א געוואלדיגן זכות הרבים פאר די צייט וואס מען גיט אוועק, אויפצושטעלן פרישע דורות אין כלל ישראל. דער אייבערשטער זאל אונז אלע בענטשן מיט אלעם וואס אונז דארפן מיר האבן, מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

***יום שני פרשת שופטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערשל שטייף** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לתלמידי הישיבה גדולה, לרגל סיום זמן הקיץ. במשך המסיבה נשמעו דברים מאת הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל הישיבה), ומאת הבחור **משה דוד בינער** נ"ו, ודברי פרידה מאת **הרה"ג רבי אברהם דוד הורוויץ שליט"א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת סיום פון די מסכתא וואס מען האט געלערנט. מען איז אויך מסיים די הייליגע צוויי חדשים וואס מען איז געווען אין קעמפ. און עס איז א סעודת סיום פאר א גאנץ יאר וואס מען איז געווען באהלה של תורה. און א מסיבת פרידה פאר אונזער חשוב'ער מגיד שיעור. עס איז נישט דא גענוג ווערטער ארויסצוברענגען וואס ער האט צוגעהאלפן פאר די בחורים, ווי מען האט פריער גערעדט, אין משך פון די יארן כולן שווין לטובה.

**ווען** מען ענדיגט א יאר, איז בדרך כלל דא צוויי ערליי סארט בחורים. און איך וועל עס מקדים זיין מיט א דבר תורה די וואך אין די פרשה. שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך אשר ה' אלקיך נותן לך (דברים טז-יח). עס איז א מצוה אז מען דארף שטעלן שופטים ושוטרים אין אלע שערים. ולא תקח שוחד, כי השוחד יעור עיני חכמים, ויסלף דברי צדיקים. די שופטים זאלן נישט נעמען קיין שוחד, ווייל שוחד טוט בלינד מאכן די אויגן פונעם מענטש. נאכדעם איז דא א פסוק, א פרישע מצוה פאר זיך, ולא תקום לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך, מען טאר נישט אויפשטעלן א מצבה, איין שטיין, וואס די גוים פלעגן אזוי צו דינען זייערע אפגעטער, מען זאל נישט מאכן קיין מצבה.

**עס** קען אפשר זיין א רמז אין די פסוקים. עס איז דאך נישט דא קיין זאך וואס איז נישט דא קיין רמז אין די תורה. ווען מען ענדיגט א זמן, איז דא צוויי ערליי סארט געפילן ביי בחורים. א טייל שפירן אז זיי האבן שטארק מצליח געווען. זיי האבן א גאנץ יאר געלערנט פלייסיג, זיי שפירן זיי זענען דערהויבן געווארן, זיי קענען די מסכתא וואס מען האט געלערנט, זיי קענען די הלכה וואס מען האט געלערנט, און זיי ענדיגן די יאר מיט זייער א גוטן געפיל. און זיי גייען ארויס, אז זיי האבן ב"ה געהאט א געוואלדיגע הצלחה די יאר. און דאס איז כמעט ביי רובם פון די בחורים, וואס שפירן אז זיי זענען געשטיגן במשך פונעם יאר.

**עס** איז דא אמאל, וואס עס מאכט זיך ביי א בחור, אז ער האט נישט דעם געפיל אז ער איז געשטיגן, און אפשר שפירט ער נישט אז ער איז געשטיגן, אפשר שפירט ער אז ער איז גאר שוואכער געווארן אין משך פון דעם יאר, ער האט געהאט א ירידה. עס פעלט אים דער דערהויבענקייט, ער זאל זיך קענען דערהייבן ווייטער. און אסאך מאל מאכט ער שוין א סוף פסוק, איך בין דאך שוין אין ישיבה גדולה, און אז איך האב שוין יעצט נישט מצליח געווען, ווען וועל איך נאך מצליח זיין אין מיין לעבן. אזוי ווי איך בין, אזוי וועט עס שוין בלייבן אויף שפעטער. און ביידע דארפן האבן חיזוק פון ביידע אופנים.

**דער** וואס שפירט אז ער איז שוין צוגעקומען צו זיין שלימות, דארף וויסן אז מען קומט נישט אזוי שנעל צו צו שלימות. אפילו מען קען, און ער איז טאקע געשטיגן, און מען דארף זיך באמת פרייען אויף וואס מען האט עררייכט אין משך פונעם יאר, אבער מען דארף וויסן, אז עס איז דא אסאך און אסאך מער וואס מען ערווארט פון דיר, וואס דו דארפסט עס משלים זיין די קומענדיגע צייט וואס דו וועסט נאך זיין ישיבה. עס איז נאך דא וואס א מענטש קען שטייגן סיי אין הבנת התורה, סיי צו שטייגן אין ידיעות התורה, סיי צו שטייגן אין עבודת התפלה, סיי אין מדות וואס מען האט נאכנישט קונה געווען בשלימות. אמאל איז דא וואס עס פארבלענדט די אויג, דאס וואס ער איז א בעל כשרון, און ער קען, וכדומה, אז ער מאכט שלום מיט די איבריגע זאכן וואס איז ארום און ארום, אז עס גוט אזוי אויך. און א מענטש דארף געהעריג דן זיין פאר זיך, און וויסן אז עס איז נישט אזוי! עס איז אלץ געבליבן א פלאץ ווי ער דארף שטייגן נאך מער, און עס זאל אים נישט פארבלענדן דאס וואס ער איז צוגעקומען ביז יעצט צו זיין דרגא.

**און** פארקערט אויך, דער בחור וואס שפירט אז ער איז נישט געשטיגן, און ער פאלט ביי זיך, אז עס איז

שוין דערנאך. דארף וויסן, אז עס איז נישט דא א זאך וואס איז דערנאך! יעדער איינער קען! ווען ער נעמט זיך אין די הענט, אז ער וויל אנהייבן א נייעם בלעטל אין זיין לעבן, האט ער שטענדיג די מעגליכקייט ער זאל עס קענען טון.

**מען** האט גערעדט דעם שבת פון רבי עקיבא. רבי עקיבא איז אלט געווען פערציג יאר בשעת ער האט זיך געזעצט לערנען א' ב' (אבות דרבי נתן פרק ו'), און ער איז אויסגעוואקסן דער תנא רבי עקיבא, פון די העכסטע תנאים. ביי די פערציג יאר האט ער אנגעהויבן! דאס איז טייטש, אז ער האט קיינמאל נישט פארשפעטיגט, אז מען נעמט זיך באמת. **איך האב געהערט פון אסאך פון מיינע חברים וואס זיי האבן מיר געזאגט, אז ביז די זיבעצן אכצן יאר האבן זיי וויניג געלערנט, נאכדעם האבן זיי זיך אריינגעלייגט צו לערנען, און זיי זענען שפעטער אויסגעוואקסן מרביצי תורה.** א מענטש טאר קיינמאל נישט שלום מאכן, אז איך בין שוין דערנאך, איך בין שוין פארפאלן. אייביג דארף מען נעמען א פרישן התחדשות און התחזקות, איך לאז נישט נאך, איך הייב אן יעצט זיך צו נעמען אין די הענט אריין.

**און** ביידע האבן א רמז אין די תורה. אין הייליגע ספרים שטייט, שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, אז דאס גייט ארויף אויף יעדן מענטש. יעדער מענטש דארף האבן אויף זיך א שופט און א שוטר. ער דארף זיין זיין אייגענער שופט, ער דארף זיך משפט'ן, ער דארף מאכן א חשבון הנפש וואו ער האלט, וואס ער איז אנגעקומען, און וואס ער האט נאך צו טון, דאס איז דער שופט. ער דארף קודם וויסן, צו ער איז חייב צו ער זכאי, וואס ער האט יא אויפגעטון, וואס ער האט נישט אויפגעטון. נאכדעם דארף מען האבן אויף זיך א שוטר, זיין א אייגענער פאליסמאן אויף זיך. טאמער איך האב נישט געטון א זאך וואס דארף צו זיין, איך גיי מיך קנס'נען דערויף, און איך גיי זיך אנשטרענגען צו טון אלעס וואס מען דארף צו טון.

**שופטים** ושוטרים תתן לך, דער מענטש דארף פאר זיך אליין געבן א שופט, קודם דארף ער זיך משפט'ן, וויסן וואס דער ריכטיגער וועג איז. און נאכדעם דארף ער נעמען א שוטר, אויב איך וועל נישט טון אזוי און אזוי, איך וועל נישט אויפשטיין באצייטנס, איך וועל נישט לערנען מיט מיין חברותא, איך וועל טון א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, איך גיי מיך קנס'נען. איך וועל נישט עסן, איך וועל נישט טרינקען, עפעס א געוויסע זאך וואס ער וועט נעמען אויף זיך. ושפטו את העם משפט צדק, מען זאל זיך נישט פארמישן, מען דארף משפט'ן א משפט צדק, א אמת'דיגער משפט, וויסן ביי זיך וואו ער האלט.

**די** תורה זאגט אבער, ווען דו ווערסט מאכן א משפט, און דו ווערסט זעהן אז דו ביסט נישט געפערליך, איך שטיי גאנץ גוט. זאל ער וויסן, ולא תקח שוחד, מען טאר נישט נעמען קיין שוחד. עס איז דא שוחד פון געלט, און ביים אייבערשטן שטייט (דברים י-יז) ולא יקח שוחד, ער נעמט נישט קיין שוחד של מצוה. אמאל איז דא גוטע זאכן וואס ער טוט, און דאס איז אים זיין שוחד. איך בין גאנץ וואויל; איך בין גאנץ פיין; עס איז גוט אזוי ווי עס איז. כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים, דער שוחד איז מעוור עיני חכמים, עס מאכט אים בלינד. ולא תקח שוחד. משפט'ן א משפט צדק, האבן ביי זיך א אמת'דיג קלארער חשבון וואו איך האלט אויף די וועלט. זיך געבן א שוטר בכל שעריך, דאס גייט ארויף אויף די שערים וואס דער מענטש האט, די אויגן, די אויערן, און די מויל, די זיבן שערים וואס איז אויסגערעכנט, אויף אלעם גייט ער זיך געבן א שופט ושוטר. און דאס איז דער צייט חודש אלול. דעמאלטס איז א זמן פון חשבון הנפש, ווי אזוי דאס יאר איז אדורכגעגאנגען, און ווי אזוי מען נעמט זיך פאר אויפן קומענדיגן יאר. - דאס איז פאר די וואס האבן א שוחד של מצוה. עס איז דא וואס קען אים משחד זיין, זאגט מען אים, ולא תקח שוחד, כי השוחד יעור עיני חכמים.

**נאכדעם** איז דא די צווייטע סארט, וואס זיי פילן זיך צובראכן, און זיי פילן אז עס איז שוין דערנאך, און זיי זענען שוין אזוי ווי א גברא קטילא, ער האט אויפגעגעבן, ער האט זיך מייאש געווען, און ער שטעלט שוין א מצבה פאר זיך אליין, פה נטמן דער און דער, עס איז שוין דערנאך! זאגט אים די תורה, ולא תקום לך מצבה, שטעל דיר נישט אויף קיין מצבה, דו ביסט נאכנישט געשטארבן, און דו ביסט נאך נישט קיין פה נטמן, דו קענסט נאך שטארק מצליח זיין אין דיין לעבן. אשר שנא ה' אלקיך, צו

שטעלן פאר זיך א מצבה אז עס איז דערנאך, איז שנא ה' אלקיך, דאס האט דער אייבערשטער פיינט.

**ביידע** דארפן האבן חיזוק. עס קומט סוף פונעם יאר, דארף מען אנהייבן מיט פרישע כוחות, זיך פארצונעמען, עס קומט א נייער זמן, עס קומט א נייע יאר שפעטער. וואס עס איז גוט געווען פאריאר, דארף מען צוגעבן דערצו. אז איך האב געקענט איין מסכתא, איך גיי אי"ה קענען נאך א מסכתא, און נאך א מסכתא. פון די אנדערע זייט, אויב איך האב נישט מצליח געווען ווי עס דארף צו זיין, איך גיי יעצט אנהייבן, תחיית המתים, ער איז נישט געשטארבען, עס איז נאכנישט דא קיין מצבה, עס איז נאכנישט קיין פה נטמן, ער איז נאך דא, ער לעבט, און ער קען ווייטער לעבן.

*

**איך** האב געוואלט רעדן פון א נקודה. עס איז אפשר שווער צו רעדן ברבים דערפון. אבער איך פיל אז מען דארף אמאל רעדן צווישן אונז, עלטערע בחורים. עס איז אוי לי אם אומר, ואוי לי אם לא אומר, כשם שמצוה לומר דבר הנשמע, כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע (יבמות סה:), אזוי ווי עס איז א מצוה צו זאגן וואס מען הערט, איז דא אמאל א מצוה צו שווייגן, און נישט זאגן וואס מען ווייסט ממילא נישט צוהערן, און 'דער' ענין איז בדרך כלל א דבר שאינו נשמע. אבער איך פיל דאך, איך בין גענוג נאנט, אז איך זאל קענען ארויסברענגען וואס איך האלט פאר אן אמת.

**די** נקודה איז. **בחורים ווערן עלטער, און מען רעדט וועגן פארן אויף ארץ ישראל.** עס איז אזוי געווארן, סיבות מחמת סיבות שונות, עס איז דא א גרויסע רייץ אוועקצוגיין אויף ארץ ישראל. מען האט פריער געהערט פון רבי אברהם דוד זאל זיין געזונט, ער האט נאכגעזאגט א **שפת אמת**, ווען דער אייבערשטער שיקט אין די מלחמה, איז די מצוה פון די תורה, אז נישט יעדער קען גיין אין מלחמה. עס איז דא ווער עס קען גיין, און ווער עס קען נישט גיין. און ווער עס קען נישט גיין, ילך וישוב לביתו פן ימות במלחמה (דברים כ-ה). אבער די וואס דארפן גיין אין מלחמה, זענען אלע געגאנגען אין מלחמה. אין **רמב"ן** (פ' חוקת כא-א) שטייט, אז אלע זענען צוריקגעקומען לעבעדיגערהייט. עס איז נישט געווען אזא זאך אז ביי א מלחמת מצוה זאל איינער פאלן, און פארלוירן ווערן ביי די מלחמה.

**ער** האט נאכגעזאגט פונעם שפת אמת, אז די זעלבע איז ביי א מענטש. דער אייבערשטער שיקט א מענטש אויף דער וועלט אויף א מלחמה, אז מען האט דיך געשטעלט אויף דער פראנט אויף די מלחמה, איז א סימן אז דו ביסט פעהיג צו פירן די מלחמה. אז נישט וואלט דיך דער אייבערשטער נישט געשטעלט. עס איז א געוואלדיגע חיזוק פאר יעדן מענטש, וויסן, אלע נסיונות וואס איך האב, איך האב א מעגליכקייט איך זאל זיך קענען דערויף מחזק זיין.

**דאס** איז אבער נאר ביי א מלחמה וואס דער אייבערשטער האט דיך אריינגעשטעלט. אונז לעבן מיר דאך אין א עולם הזה'דיגע וועלט, נסיונות וואס קומען אונטער פאר א מענטש, איך האב גארנישט געטון צוצוקומען צו דעם נסיון, און איך בין דא. האט מען א סיוע פונעם אייבערשטען, אז דער באשעפער וואלט עס נישט מזמין געווען פאר דיר, ווען דו קענסט עס נישט אדורכפירן.

**אבער** ווען א מענטש לייגט זיך אריין אין א נסיון, ווען מען זאגט אים, גיי נישט אין די מלחמה. דער כהן המשיח זאגט, גייטס אהיים, עטץ באלאנגטס נישט צו די מלחמה, און ער גייט יא אין די מלחמה, דער האט נישט קיין שום סיוע אז ער וועט ארויסגיין פון דארטן פריי. ווייל מען האט דיך געווארענט, דאס איז א מלחמה וואס איז נישט פאר דיר. עס איז דא מלחמות וואס א מענטש קען זיך נישט פון דעם ארויסזעהן. ער איז אויף דער וועלט, און עס איז אין א עולם הזה'דיגע וועלט, און ער האט נטיות, תאוות, וכדומה, אויף דעם איז דא א סיוע פונעם אייבערשטען ער זאל דאס קענען בייקומען. **אבער ווען א מענטש נעמט א נסיון אין די הענט אריין, ער גייט און ער לייגט זיך אריין אין דעם נסיון, דו האסט דיך אליין אריינגעלייגט, עס האט דיך קיינער נישט געצווינגען, דו האסט געוואוסט פאר דעם אז דאס איז א נסיון, ווער האט דיר געהייסן אהין גיין? דו ביסט געגאנגען, ביסטו געגאנגען אויף דער אייגענער האנט. אויף דעם איז נישט דא קיין סיוע, אז דער אייבערשטער זאל אים העלפן אז ער זאל מצליח זיין.** דו ביסט אין די אייגענע האנט, ער האט א בחירה, ער קען טון אזוי, און ער קען טון אזוי.

**וואס** איך זאג, איז נישט געזאגט געווארן פאר יעדן בחור, און עס איז נישט געזאגט געווארן פאר א יחיד, איך רעד אין כלליות וואס איז נוגע פאר רובא של רובא פון די וואס פארן אויף ארץ ישראל. עס איז אוודאי דא בחורים וואס זענען ערליך, בחורים וואס זענען מצויינים בתורה ובמצות, וואס קענען האבן א געוואלדיגע הצלחה אסאך מאל אז מען גייט אוועק ערגעץ אנדערש. איך רעד יעצט פון דורכשניטליכע בחורים. פון בינונים, און אפילו מער ווי בינונים, וואס זענען בינונים אין תורה, אבער עס קען אמאל זיין א מצוין אין תורה, און א בינוני אין יראת שמים, וכדומה.

**עס** האט מיר דעם זומער געזאגט א בחור וואס איז געווען אין ארץ ישראל. איך האב אים געפרעגט, נו, וואס זאגסטו? האט ער מיר געענטפערט, מען דארף זיין א גרויסער ירא שמים, צוריק צו קומען פון דארט ערליך... מען דארף זיין א גרויסער ירא שמים, אז מען פארט אהין, און מען זאל צוריק קומען ערליך. מען קען צוריק קומען א גרעסערער תלמיד חכם אפשר, א גרעסערער למדן וועט ער צוריק קומען, און א קלענערער יוד פון וואס ער איז געווען בעפאר ער איז געגאנגען. מען איז געגאנגען א וואוילער ערליכער בחור, און מען קען אמאל צוריק קומען... עס איז הפקר, עס איז נישט דא קיין שום השגחה, מען קען טון וואס מען וויל, מען קען גיין וואו מען וויל. קיינער ווייסט נישט, עס איז נישט דא קיין טאטע, קיין מאמע, קיין רבי, קיין משגיח, וואס זאל זיך אומקוקן. און מה יעשה הבן שלא יחטא! יעדער מענטש האט שוואכע מינוטן וואס ער פאלט אדורך.

**עס** איז א געוואלדיגער נסיון צו גיין, און וויסן אז מען קומט צוריק א בעסערער יוד, און ערליך אזוי ווי מען איז געגאנגען. עס איז כדאי אז מען זאל זיך מתבונן זיין, יעדער דארף וויסן ביי זיך זיין מצב, און עס איבערשמועסן מיט ווער עס קען זיין מצב, צו עס איז פאר אים צו גיין אויף ארץ ישראל. - עס פעלן נישט קיין ישיבות דא אויך נישט. פון וואס רעדט מען? מען רעדט פון נאך א יאר לערנען, נאך אנדערטהאלבן יאר לערנען וכדומה. יעדער קען זיך טרעפן א פלאץ וואו ער זאל קענען קונה זיין תורה די צייט.

*

**אבער** איך וויל ארויסברענגען נאך א נקודה, וואס בחורים זענען נישט משים לב דערצו, אבער איך קען עס זאגן פון נסיון, פון וואס איך האב צו טון מיט בחורים און יונגעלייט, וואס איז נוגע צו עניני פון שידוכים.

**אוועקגיין אויף ארץ ישראל, מיינט כאילו מען נעמט דעם ענין פון שידוכים, און מען שטופט עס אפ אויף א האלב יאר קודם, וואס די האלב יאר איז נישט דא קיין שידוכים.** א בחור וואס פארט אוועק אויף ארץ ישראל, איז ביז ער קומט אהיים בין הזמנים, האט ער געלייגט אין דער זייט פון צו טון א שידוך. און אז עס געלונגט אים בין הזמנים צו ווערן א חתן איז גוט, און טאמער איז ער דעם בין הזמנים נישט געווארן קיין חתן, וועט ער נאך א האלב יאר לייגן שידוכים אין דער זייט, ביזן קומענדיגן בין הזמנים.

**ער** וועט זאגן, איך הער דאך, און איך זעה אסאך מאל בחורים וואס זענען אין ארץ ישראל, און מען טוט שידוכים אין ארץ ישראל אויך. איך וויל עס קלאר מאכן; **עס איז נישט דא אזא זאך, אז מען איז אוועקגעפארן אויף ארץ ישראל, אז א בחור זאל ווערן א חתן אין ארץ ישראל**, נאר אויף צוויי אופנים. איינס, א שידוך וואס מען האט שוין גערעדט פאר דעם בחור פאר דעם, און מען האט זיך שוין געזעהן, און מען קען זיך שוין, נאר וועגן סיבות איז עס נישט געווארן. - ביי שידוכים גייט דאך אזוי, מען קען זעהן א בחור, און עס ווערט נישט אויף דער מינוט. מען דארף נישט ווערן באליידיגט וכדומה, נישט אלע שידוכים ווערן תיכף ווען מען מיינט אז עס איז אזוי, עס קומט צוריק שפעטער. - אזא שידוך קען ווערן ווען ער איז אוועקגעפארן אויף ארץ ישראל אויך. ער איז טאקע נישט דא, אבער מען ווייסט פון וואס מען רעדט, דעמאלטס האט מען נישט געהאלטן דערביי, זאגט מען, ברענג אהיים דיין בחור צו ענדיגען א שידוך.

**א** צווייטער וועג איז דא, טאמער דער מחותן, דער וואס וויל נעמען דעם בחור, איז א עושר, און ער פארט אויף ארץ ישראל, און ער באזוכט דעם בחור דארט, און ער זעהט אים, און עס איז אים געפעלן, זאגט ער נאכדעם פארן שדכן, ברענג אהיים דעם בחור, מען קען רעדן פון דעם שידוך.

**אבער** א בחור וואס איז אוועקגעפארן אויף ארץ ישראל, ער האט נישט געהאט קיין שידוכים אין די

הענט, און מען טראגט אן פאר א יוד, דו האסט א טאכטער, איך טראג דיר אן, ראובן איז זייער א וואוילער בחור, איך טראג עס אן פאר א שידוך. פרעגט ער, וואו איז דער ראובן? זאגט ער, ער איז אין ארץ ישראל. זאגט ער פאר דעם שדכן, נו וואס זאל איך יעצט טון, איך זאל אים הייסן אהיים ברענגען, איך וועל אים אנקוקן, און נאכדעם ווען איך וועל זאגן, אז עס געפעלט מיר נישט, גיי צוריק, קיינער טוט עס נישט. קיינער גייט נישט אריינליגן א בחור אין א ספא"ט, ער זאל אים אהיים רופן, און נאכדעם זאגן אז ער איז נישט צופרידן. איז דאך טייטש, אז איך וועל אים אהיים רופן, בין איך געצווינגען צו טון דעם שידוך. זאגט ער פארן שדכן, בין הזמנים ווען ער וועט זיין דא, קענסטו מיך נאכאמאל אנרופן, וועלן מיר זעהן.

**מען זאל וויסן, אז ווען מען גייט אוועק אויף ארץ ישראל, טוט מען בידים מדחה זיין שידוכים.** אז איינער וויל ווארטן צוויי דריי יאר צו ווערן א חתן, בכבוד גדול. אבער איך רעד אלץ מצות התורה, און מען רעדט יעצט ווי אזוי דער סדר דארף צו זיין אין אונזערע קרייזן, וואס א בחור אין די יארן דארף א חתן ווערן. **ווען ער פארט אוועק, ווייל דא אין אמעריקא איז אים זייער שווער צו בלייבן, זאל ער וויסן, עס וועט אים זיין אסאך שווערער צו בלייבן דארט אן א שידוך א האלב יאר, אדער א יאר, ווי ער וואלט דא געבליבן.**

**אז** מען גלייבט מיר נישט. **עס איז יעצט דא ביי אונז אין די ישיבה, בערך א צען חתנים [איך האב נישט אפגעציילט פונקטליך]. די צען חתנים זענען רובא דרובא געווארן חתנים פון פסח ביז יעצט זומער. עס איז געווען א קבוצה פון בחורים וואס זענען געפארן אויף ארץ ישראל, [פון אונז, איך רעד נישט יעצט פון די וועלט], קיין איינער איז נאכנישט געווארן קיין חתן... אין גם אחד.** אונז רעד מיר דא, אז ביי אונז איז געווען צען חתנים אין משך פון די פיר חדשים. פארוואס? ווייל מען איז דא אויפן פלאץ, מען האט אים אנגעטראגן א שידוך, מען האט זיך געטראפן וכדומה, און עס איז געפעלן, איז געווארן א שידוך. ווען מען פארט אוועק אויף ארץ ישראל, און מען טראגט אן א שידוך, זאגט ער, ווען ער וועט אהיים קומען וועסטו מיר זאגן. איך וואונטש פאר אלע זאלן ווערן חתנים ווען זיי קומען אהיים יעצט בין הזמנים, אבער איך זאג, ביז ווי לאנג מען איז דארט, איז נישט דא.

**און** א בחור זאל עס נעמען אין חשבון. **ער מיינט ער איז גליקליך, ער איז אוועקגעפארן אויף ארץ ישראל, יעצט איז ער פריי. ער איז גליקלעך געווארן לפי שעה, און ער האט זיך אריינגעלייגט אין אסאך א גרעסערן פראבלעם וואס ער קען זיצן דארט א האלב יאר, און א יאר, און אמאל אנדערטהאלבן יאר.** וויפיל הונדערטער בחורים זענען היינט דא אין ארץ ישראל וואס שטייען אין שידוכים. הונדערט? אפשר טויזענטער! איך רעד פון היגע בחורים, נישט פון ארץ ישראל'דיגע בחורים. זיי זענען אהין געפארן און... ווייל עס איז נישט שייך צו טון א שידוך, בדרך כלל, נאר ווען מען איז דאהי, און דאס איז בין הזמנים. און נישט יעדער בין הזמנים מאכט זיך אז די אלע זאלן טרעפן שידוכים. פארט ער צוריק שפעטער. ווען ער איז שוין דארט, צוריק צוקומען אהער, וואו וועט ער יעצט גיין, פון ארץ ישראל וועט ער צוריקקומען אהער לערנען? וואו וועט ער זיך טרעפן דאס פלאץ וכדומה.

**איך** זאג עס וועגן דעם, אז מען זאל עס נעמען אין חשבון פאר דעם. צוויי סכנות וואס איז דא דערין. איינס, מען גייט אוועק, זאל מען וויסן אז מען לייגט זיך אריין אין א מקום סכנה פון צוריק קומען אזוי ערליך ווי ער איז געווען בשעת ער איז אוועקגעגאנגען. און דער ענין פון שידוכים, זאל מען וויסן, אז ווען מען גייט אוועק, האט זיך אפגעשטעלט שידוכים ביז דער בין הזמנים. און אלץ נאנטע פריינד, געב איך איבער די אינפארמעישא"ן, אז מען זאל עס וויסן.

**איך** האב פריער געזאגט, איך זאג עס נישט א כלל פאר יעדן איינעם, און עס איז דא בחורים וואס זענען מצליח, זיי זאלן ווייטער מצליח זיין. איך רעד יעצט פון אלגעמיין וואס מען דארף משים לב זיין בעפאר מען גייט.

*

**מען** האט געענדיגט דאס יאר. איך שפיר אן הכרת הטוב פאר די גאנצע צוות הישיבה, וואס יעדער האט אריינגעלייגט אויסערגעווענליכע כוחות אין די בחורים. יעדער ווייסט אז עס איז נישט דא קיין טאג

און קיין נאכט, וואס מען לייגט זיך נישט שלאפן און מען שטייט נישט אויף מיט דעם, ווי אזוי די בחורים פירן זיך אויף, און ווי אזוי מען קען צוהעלפן אז זיי זאלן שטייגן.

**איך** פערזענליך וויל איבערגעבן אן הכרת הטוב פאר די בחורים, פאר דעם תענוג רוחני וואס איך האב, ווען איך קום יעדן טאג אין די ישיבה, און איך זעה ווי אזוי מען לערנט, און מען האלט מיט די שיעורים. זומער איז נאך מער, דאס דאווענען צוזאמען וכדומה. איך דארף זיך באדאנקען, מען גיט מיר דעם תענוג וואס איך האב.

**און** איך וויל וואונטשן פאר די אלע אי"ה, עס קומט א נייער זמן, עס זאל זיך אנהייבן מיט פרישע כוחות, און פריש זיך אריינלייגן אין תורה. כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז די שענסטע צייט וואס מען קען מצליח זיין. שופטים ושוטרים תתן לך, עלטערע בחורים דארפן זיין א שופט אויף זיך, מאכן א חשבון הנפש וואו מען האלט, און זיך נעמען אין די הענט מיט א בחינה פון א שוטר, ווי עס וואלט געשטאנען א פאליסמאן, און צווינגט אים צו טון וואס ער דארף צו טון, און דעמאלטס איז מען מצליח.

*

**עס** איז א מסיבת פרידה פאר רבי אברהם דוד. אונז האב מיר געהאט צוזאמען זיבן זאטע יאר. ער האט פריער ארויסגעברענגט, אז די סעודה וואס מען מאכט, איז א בחינה פון עכבו לי יום אחד. און איך וויל אפשר אויך בעטן, אז עס זאל זיין עכבו לי יום אחד, כאטש איינמאל א וואך, איינמאל א חודש, ארייזצוקומען אין ישיבה ווייטער. מען קען נישט זיין שטענדיג, אבער מזמן לזמן זאל מען נישט פארגעסן פון אונז. - דער באשעפער זאל העלפן פאר אונז אלע, מען זאל האבן א גוט געבענטשט יאר, און א פריילך יאר, און א לוסטיג יאר. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת שופטים***

אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים שנערך על ידי **הרב אשר מאיר סעקולא שליט"א** (ר"מ בישיבה) לרגל היארצייט של זקנו **הגה"צ אב"ד סאדאווונא זצ"ל.**

***וזה תוכן השיחה:***

**הרב אשר מאיר סעקולא שליט"א:** עס איז היינט די יארצייט פון מיין זיידע דער **סאדאווונא רב זצ"ל.** אינדערהיים האט ער געלערנט אין אלכסנדר ישיבה, און ווען **רבי מאיר שפירא** האט געוואלט עפענען די ישיבה חכמי לובלין, איז ער ארומגעגאנגען אין אלע ישיבות נעמען בחורים. און ער איז געקומען קיין אלכסנדר, און ער איז געזעסן דארט א גאנצע טאג, און ער האט זיך אומגעקוקט אויף די בחורים, און ער איז אריינגעגאנגען צום **אלכסנדר רבי,** דער **עקידת יצחק,** און ער האט אים געזאגט, פון דיין ישיבה דארף איך נישט קיינעם, איך דארף נאר דעם איינעם בחור. מיין זיידע איז געווען א מורא'דיגער מתמיד אלץ בחור. האט אים דער אלכסנדר רבי געזאגט, דו קענסט נעמען וועלכע בחורים דו ווילסט, אבער אים מוזטו מיר איבערלאזן. מיין זיידע האט געזאגט, איך האב געהאט די ברירה, איך בין שוין געווען אנגענומען אין חכמי לובלין, מען האט געוואוסט אז איך חכמי לובלין גייען נאר די מצויינים, אבער אז די רבי האט געהייסען בלייבן, איז מען געבליבן ביים רבי.

**רבינו:** איך האב נעכטן געזעהן אין א ספר (בחצר הלוי) וואס איז ארויסגעקומען אויף **רבי שמואל וואזנער זצ"ל,** וואס ער האט געלערנט ביי רבי מאיר שפירא. שרייבט ער דארט, אז רבי מאיר שפירא האט געזאגט, אז ער טראכט, אז ווען ער וועט ווערן פופציג יאר, לאזט ער איבער די רבנות, און ער וועט ווערן א רבי. ער איז געווען א קאריצער איניקל, ער גייט אנהייבן צו פירן רבי'סטווע. - ער איז נישט אנגעקומען, ער איז אוועק ביי די זעקס און פערציג.

**הרב אשר מאיר:** ער האט נישט געהאט קיין קינדער.

**רבינו:** ער האט געהאט דאהי א נעפיו, ער האט געהייסען רבי אברהם.

**א' מהנוכחים:** ער האט געזאגט, אז די צוויי זאכען זענען זיינע קינדער, די ישיבה, מיט די דף היומי.

**רבינו:** דער רבי מאיר שפירא האט דעמאלטס געהייסען א זאך. מען זאגט נאך פון רבי מאיר שפירא, אז מען האט אים אמאל געפרעגט, יעדע שטאט האט דאך געהאט מערערע רבנים וואס זענען געווען דארט רב. ווען מען וועט אויפשטיין תחיית המתים, ווער וועט זיין דער רב? האט ער געזאגט, אז יעדע רב וועט אויפשטיין מיט זיין

קהלה. האט מען אים געפרעגט, וואס וועט זיין א רב וואס וועט אויפשטיין, און זיין קהלה איז נישט ווערט אז זיי זאלן אויפשטיין. וואס וועט דער רב טון דעמאלטס. האט ער געזאגט, אז א רב וואס קען נישט ארויפברענגען זיין קהלה, אז זיי זאלן אויפשטיין תחיית המתים, וועט ער אויך נישט אויפשטיין...

**הרב אשר מאיר:** איך האב געזעהן, אז עס איז אמאל געקומען איינער פון די גדולים באזוכען אין די ישיבה חכמי לובלין, און ער איז אנגעקומען ווען די בחורים האבן געלליינט קריאת שמע שעל המטה. ער האט געוואלט זעהן דעם משגיח רבי שמעון זעליכוב'ער, און ער האט אים נישט געטראפן. האט ער געזאגט, אז איך זעה ווי אזוי דער עולם לליינט קריאת שמע שעל המטה, זעה איך שוין ווער דער משגיח איז...

**רבינו:** רבי שמעון מיט רבי מאיר שפירא, זענען נישט געווען אויף איין דעה. און עס איז געווען צוויי פארטייען אין ישיבה, רבי שמעון'ס מענטשען, או דעם רב'ס מענטשען. עס האט זיך נישט אויסגעארבעט, רבי שמעון איז אוועקגעגאנגען.

רבי שמעון האט געזאגט, אז ביי די זעכצען יאר האט ער געקענט גאנץ ש"ס בעל פה, און זוהר הק'. ער שרייבט דארט, אז הרב וואזנער האט געזאגט, אז ער האט געזעהן רבי שמעון זאגן יוצרות שבת הגדול אויסענווייג, אן א סידור. - א זאך וואס ער האט איינמאל געלערנט, איז אים געבליבן אין קאפ.

*

בשעות אחר הצהרים חזר **רבינו שליט"א** למעון קדשו בוויליאמסבורג, אחר ששהה במשך ימי הקיץ בקרב תלמידי ישיבתנו הק' במחנה מתיבתא נחלת יעקב.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אהרן געשטעטנער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אליעזר רפאל וועבער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת שופטים</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל אברהם סאמעט** הי"ו.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת וועבער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הרב **יהודא וועבער** ע"ה).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**בנה הר"ר אהרן וועבער שליט"א:** דער רב געדענקט נאך אונזער זיידע **רבי יוסף קראקויער**?

**רבינו:** יא. ער פלעגט אריינצוקומען דאוונען ביים טאטען אין בית המדרש.

**הר"ר אהרן:** ער האט געוואוינט אין סערדאהעלי, און ער איז געווען פון די קהלה פונעם סערדאהעלער רב. מיין מאמע פלעגט אסאך רעדן פונעם **מעדיעש'ער רבי'ן** (הגה"ק מסערדאהעלי היה מקודם אבד"ד מעדיעש). זי האט נאך געדענקט אז עס איז געווען א ניגון אויף אונגאריש וועגן די צוויי ישיבות אין סערדאהעלי, וועלכע ישיבה איז בעסער.

**רבינו** (בצחות): עס איז אויך געווען א קינות דערויף, נישט נאר א ניגון... אין פאפא איז אויך אזוי געווען.

**א' האבלים:** ווען דער **פאפא רב זצ"ל** האט חתונה געמאכט איינע פון די קינדער, האט ער מכבד געווען דעם **חוסטער רב**, **רבי יהושע** [**גרינוואלד זצ"ל**, בעל **חסד יהושע**], מיט א ברכה אונטער די חופה. און מיין טאטע, אלץ תלמיד פונעם **ויגד יעקב**, האט עס אים געשטערט, ווייל דער חוסטער רב האט קאנדאדירט אויף די רבנות אין חוסט צוזאמען מיטן ויגד יעקב, און די תלמידים פונעם ויגד יעקב האבן געפילט אז דער חוסטער רב האט אויסגעכאפט די רבנות, און ער וואלט געדארפט אפטרעטן פאר זיין פעטער, דער ויגד יעקב, ממילא האבן זיי געהאט א שטיקל עגמת נפש. האט מיין טאטע געזאגט פארן רבי'ן נאך די חתונה, עס איז אונז א פלא אז דער רבי האט מכבד געווען דעם חוסטער רב, דער טאטע האט דאך געהאט... האט דער רבי ז"ל געזאגט, איך האב פון מיין טאטע זיינע אלע מעלות און מידות טובות נישט גע'ירשנ'ט, נאר זיינע מחלוקת זאל איך ירשנ'ן?!

**רבינו** (בצחות): דאס איז גרינגער...

**א' האבלים:** מיין שווער רבי שיימע (הגה"צ **רבי שמעיה שווארץ זצ"ל** רב דקיט"ל במאנטריאל) פלעגט אלץ צו זאגן, אז דער ויגד יעקב איז געווען א געלונגענער מענטש אין אלע הינזיכטן, און וואו ער איז געווען רב, האט ער געהאט מחלוקת. אין ליקוב, אין הוניאד, און אין פאפא איז געווען צוויי קהלות. און זיין זון דער פאפא'ער רב, איז געקומען קיין אמעריקא, און ער איז געווען ברומו של עולם.

**רבינו:** דער **קאטמונ'ער רב** פלעגט צו זאגען, ולא ראיתי צדיק נעזב, וזרעו מבקש לחם (תהלים לז-כה). ולא ראיתי צדיק נעזב? עס זענען דא אסאך צדיקים וואס זענען נעזב. נאר דער פשט דערפון איז, איך האב נישט געזעהן א צדיק נעזב, און די קינדער זיינע זאלן אויך נישט מצליח זיין. אמאל איז דער מענטש נישט מצליח, אבער דער באשעפער באצאלט עס ביי די קינדער. ולא ראיתי צדיק נעזב, און וזרעו מבקש לחם, עס זאל זייןביידע, דאס האב איך נישט געזעהן. – מען זעהט עס בחוש. די וואס האבן געהאט א שווער לעבן, האבן געהאט נאכדעם געלונגענע קינדער.

*

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **ירמי' צבי בערקאוויטש** הי"ו ומשפחתו שיחי', שישבו שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

אחר מנחה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת בלוזענשטיין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר שמואל זאנוויל **בלוזענשטיין** הי"ו).

בשעות הערב כתב **רבינו שליט"א** אות בהספר תורה שנכתבה לע"נ הר"ר **מאיר עקשטיין** ע"ה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה אהרן פישער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק לתלמידי ישיבת 'השיב משה' דסאטמאר (ק"י), בהנהלת הרב **שמעון אברהם ראטה** שליט"א, שעמדו למבחן על מסכת בבא קמא, שלמדו במשך השנה העעל"ט.

***__וזה תוכן הדברים:__***

**איך** האב הנאה צו הערן אז מען האט געלערנט מסכת בבא קמא, און מען האט זיך פארהערט. מען דארף שעצן אליין צו וואס פאר א מדריגה מען איז צוגעקומען. עס גייט אדוך א יאר, און מען קען נאך א מסכתא, וויסן ווי חשוב עס איז. מען קען נישט קענען א מסכתא, נאר אז מען האט אריינגעלייגט אסאך יגיעה דערין קודם. שעצן וואס מען איז אלץ אנגעקומען אין משך פונעם יאר, און דאס גיט חיזוק אויף שפעטער, אז מען קען איין מסכתא, קען מען קענען צוויי מסכתות, און דריי מסכתות, אז מען זאל אנגיין ווייטער, און שטייגען. (**רבינו שליט"א** חזר על הדברים שאמר לתלמידי הישיבה גדולה ביום ב' העעל"ט, על הפסוק שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך).

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל ווייטער מצליח זיין אין תורה און יראת שמים, און מדות טובות. מען זאל האבן א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה פאר ענק אלע. ענקערע רבי'ס, און ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***__יום שישי פרשת שופטים__***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **צבי** נ"ו בן הר"ר **חיים נידערמאן** הי"ו, ולהבחור **יהודה צבי** נ"ו בן הר"ר **משה אהרן פישער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

*

***__שבת קודש פרשת שופטים__***

**__וביום השבת שישו ושמחו__**

קהל גדול מאנ"ש זקנים ונערים תלמידים וחסידים באו לשבות בצל הקודש ולשוש ולשמוח בשמחתו של אבינו רועינו **רבינו שליט"א**, לרגל שמחת האויפרוף של נכדו החתן **הרב יחזקאל שרגא שליט"א בן הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, ר"מ בישיבתנו הק'.

לקראת שבת יצא לאור קונטרסים מיוחדים מתורתו הבהירה של **רבינו שליט"א**, **'ליקוטי דברי תורה'** על פרשת השבוע, שנלקטו מגליונינו **'הליכות ושיחות קודש'** (שנות תשע"ג - תשפ"א), וכמו כן קונטרס משיעורי **אור החיים הק'** על פרשת שופטים שנאמרו על ידי **רבינו שליט"א** במשך השנים, ערוך ומסודר דבר דבור על אופניו, מנועם זיו מעדני מלך.

**רבינו שליט"א** הלביש את החתן שליט"א בהשטריימעל בביתו נאוה קודש (בווילסאן סט.) ומשם עברו לבית המדרש.

לתפלת מנחה עבר **הרב מאיר ישראל בראנדווין שליט"א** (חתן המחותן הגה"צ אבד"ק דראהביטש שליט"א) לפני התיבה, ובתפלת קבלת שבת נתכבד **הרב יוסף יהושע פליישמאן שליט"א**.

לאחר שעברו כל הקהל להתברך בברכת שבתא טבא, עברו להיכל הבית המדרש של התלמוד תורה, שנערך בפאר והדר לסעודת שבת קודש, בה השתתפו בני המשפחה, אורחים מאנ"ש, ותלמידי ישיבתנו הק', כשבראש המסובין מפאר **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

במשך הסעודה נשמעו דברי תורה מאת **הרב אשר באב"ד שליט"א** (בן המחותן הגה"צ אבד"ק דראהביטש שליט"א), ומאת **הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א נכד רבינו שליט"א**.

בהמשך הסעודה נערך הבאטע בשירות ותשבחות לא-ל חי, מתובל בדברות קודש מוסר והדרכה על ידי **רבינו שליט"א**. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ברוך האגער שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסערט וויזניץ שליט"א, וחתן המחותן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א).

בצפרא דשבתא נקבצו קהל גדול אצל בית נאוה קודש של **רבינו שליט"א** (בפענן סט.) ללוות החתן לבית המדרש בשירה ובזמרה.

לפסוקי דזמרה עבר לפני התיבה **הרב יחיאל אונגאר שליט"א** (חתן המחותן הגה"צ אבד"ק דראהביטש שליט"א), ולתפלת שחרית עבר הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו (מנכ"ל מוסדותינו הק' בוומסב"ג).

בקריאת התורה עלה החתן שליט"א לעליית אחרון. אחר עליית החתן פצחו כל הקהל בשירת 'קול רנה', לרגל השמחה הרוממה. - כמו כן התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **יהודא לייב** נ"ו, בן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו. - בתפלת מוסף נתכבד **הרה"ג רבי חיים מאיר האגער שליט"א** (בן המחותן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א).

אחר התפלה התקיים הקידושא רבא לרגל השמחה, כשמאות המוני ידידים וחסידים, ובתוכם רבנים חשובים וקרובי המשפחה שליט"א, עברו לפני **רבינו שליט"א** והמחותנים והבעלי שמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזלא טבא.

סעודת צפרא דשבתא ערך **רבינו שליט"א** בהיכל הבית המדרש של הת"ת. במשך הסעודה נשמע דברי תורה מאת חדב"ן **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א**. בברכת המזון נתכבד הבחור **משולם באב"ד** נ"ו (בן המחותן הגה"צ אבד"ק דראהביטש שליט"א).

לאחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דרשת פרקי אבות. אחר כך התקיים סעודת רעוא דרעוין ברוב עם הדרת מלך. **רבינו שליט"א** השמיע בסיום הדברות קודש דיבורים מיוחדים בשבח והודיה להשי"ת בעידן חדותא.